START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Microfilmed 2005
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2005-1907-20

Tsik, Judith.
Mentsh un tsayt :
dramatishe poeme.
Kovne, 1926.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005-1907.20

Tsik, Judith, 1898-
Mentsh un tsayt : dramatishe poeme / mit a forvort fun Ester Elyashev.
Kovne : Yidishe bildungs-gezelshaft in Lite, 1926.
78 p. ; 24 cm.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. Elyashev, Ester. II. Lithuania-Kaunas III. Yiddish books from the Harvard College Library ; YI 1258.

ID : NXYH01-B16346 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /9212

Reduction ratio X 10.0

יודיקאַ

מענטש און צייט

דראַמאַטישע פּאָעמע

ארויסגעגעבן פון דער יידישער בילדונגס געזעלשאַפט
און ליטע

קאָונע 1926

יודיקאַ

מענטש און צייט.

דראַמאַטישע פּאָעמע

מיט אַ פאָרוואָרט פון

ד״ר אסתר עליאַשעוו.

אַרויסגעגעבן פון דער יידישער בילדונגס-געזעלשאַפט אין ליטע.

קאָוונע 1926

2/9212

מענטש און צייט.

דראַמאַטישע פּאָעמע

מיט אַ פאָרוואָרט פון

ד"ר אסתר עליאַשעוו.

אַרויסגעגעבן פון דער יידישער בילדונגס-געזעלשאַפט אין ליטע.

קאָוונע 1926

26.1.28

פאָרוואָרט

פון ד״ר אסתר עליאַשעוו.

„אָ אומעטיק־גוט איז צו זוכן אַ וועג,
ווען מע ווייס ניט וואוהין“.

(יודיקאַ, מענטש און צייט).

יודיקאַס ערשטע גרעסערע דיכטערישע ווערק „מענטש און צייט“ איז געבאָרן אונטער דעם צייכן פון די שרעקלעכע מלחמה־יאָרן. אַ שטאַרקער אָפּקלאַנג פון דעם שטורעם, וואָס האָט אַזוי מעכטיק אָנגעשפּאַנט אַלע כחות פון די גרויסע גייסטער פון אונדזער צייט ווירקט אין דער נייער שאַפונג.

די איבערגעלעבטע געשעענישן האָבן פאַר אַלעמען געשטעלט די פאָדערונג זיך אַ דין וחשבון אָפּצוגעבן וועגן דעם, וואָס יענע געפערלעכע צייט האָט מיט זיך געבראַכט, וואָס פאַר אַ נייע ווערטן זי האָט פאַר אונדז געשאַפן און וואָס זי האָט צעשטערט. און יודיקאַ פרובט דאָס צו טאָן אויף איר שטייגער.

אָבער ווי אַ געטרייע טאָכטער פון איר פאָלק, שילדערט זי אונדז אין אין די פיגורן פון איר דראַמאַטישער פּאָעמע ניט די אָנפאַלער און די אַקטיווע קעמפער, וואָס האָבן דעם קריג אָנגעהייבן און געפירט, נאָר די שוואַכע קרבנות, וואָס זיינען קעגן זייער ווילן אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם קאַמף און ווערן, ווי אַ בלאַט פון ווינט, געשליידערט פון איין אָרט אויפן אַנדערן. סיי אין קריג, סיי אונטער די פּאָגראָמען לייט דער שטעטישער ייד ווי אַ שוואַכער וואָרים, וואָס קריכט ערגעץ וואו אַרום און ווערט צעטראָטן פון דעם פוס, וואָס באַמערקט אים אַפילו נישט.

די שוואַכסטע באַשעפעניש׳ן פאַרנעמען דאָ יודיקאַס זעערישן גייסט. הונגער, שרעק און נויט גראָבן אונטער דאָס לעבן פון מאַן און פרוי, אַלט און יונג. אין דעם פאַרצווייפלטן קאַמף פאַר דער עקסיסטענץ ווערט פאַרלענדט דער חלום פון ריינער ליבע ביי דער יוגענטלעך־צאַרטער פרויען־נשמה. דער פאַמיליען־צוזאַמענבונד צעפאַלט, די איבערגעבנקייט צו די העכערע פריידן פון דער קולטור ווערט לעכערלעך, בעת מען מוז קלערן וועגן דעם, ווי צו ראַטעווען כאָטש נאָך איין טאָג פון לעבן. דאָס שטרעבן נאָך אידעאַלערע און

זער שוו

:: :: דרוקעריי :: ::
ש. יאסעלעוויטש
:: :: קאוונע :: ::
לוקשיאָ גאַס № 31

בעסערע פאָרמען פאַרלירט יעטווידן זין׳ בעת די וועלט האַלט ביים אונטערגיין און יעדער קומענדיקער מאָרגן ברייינגט נאָר מיט זיך נייע רדיפות און סכנות׳ נאָר איין מעגלעכקייט בלייבט נאָך׳ אום זיך ווי עס איז צום ראַטעווען פון יאוש: זיך איינריידן׳ אַז עס מוז ליגן עפּעס אַ טיפער׳ אומבאַגרייפלעכער און וויכטיקער זין אין דעם׳ וואָס גייט פאָר׳

אין דער פייהיקייט זיך צו באַרוישן מיט דעם געדאַנקען׳ אַז מע לעבט איבער אַ גרויסע באַדייטענדע צייט׳ וואָס האָט דאָס רעכט צו ברעכן און צו פאַרניכטן אַלץ׳ וואָס איז שוואַך׳ ליגט אַ נייע געפאַר פאַר דעם מענטשן׳ אויב די גרויסקייט פון דער צייט קען אויסגעדריקט ווערן דורך דעם כח פון צע־שטערונג׳ וואָס ליגט אין איר׳ דאַן קען אויך פון דעם מענטשן ניט פאַרלאַנגט ווערן׳ ער זאָל געטריי בלייבן זיינע אייביקע פליכטן און שטרעבונגען׳ אַלס אַ עכטער זון פון אַזאַ צייט׳ מעג דער מענטש טאָן אַלץ׳ וואָס ער וויל — סיי קעגן זיך׳ סיי קעגן אנדערע׳

איז אַזאַ באַלויכטונג דערשיינט פאַר יודיקאַס אויג דער נייער טיפּוס מענטש׳ וואָס דער קריג האָט באַשאַפן׳ און זי שטעלט זיך אין איר ווערק די פראַגע׳ צי האָט באמת דער מענטש — דער נאַטירלעכער יורש פון אַנ׳אַלטער און רייכער קולטור און דער שטענדיקער באַשאַפער פון נייע לעבנס־ווערטן — דאָס רעכט זיך צו בויגן אונטער דעם ווילן פון אַ צייט׳ וואָס ווענדט זיך קעגן מענטשן און ברייינגט מיט זיך נאָר טויט און אונטערגאַנג׳ צי מעג דער מענטש׳ ווי שוואַך ער זאָל ניט זיין׳ מקבל באהבה זיין אַלץ׳ וואָס דאָס צו־פעליקע זיין וואַרפט אים צו? און די תשובה׳ וואָס די דיכטערין גיט אונדז׳ איז פשוט און קלאָר׳

דער מענטש איז ניט קיין קינד און ניט קיין דינער פון דער צייט — ווי גרויס און מעכטיק זי זאָל ניט אויסזען׳ די צייט איז פאַר יודיקאַן נאָר דער אויסדרוק פון כסדרדיקער פאַרענדערונג׳ און אַלס אַ צייכן פון אָפּגעריסנקייט׳ וואָס איזאָלירט יעדן היינט און שיידט אים אָפּ פון נעכטיקן טאָג און דעם קומענדיקן מאָרגן׳ טראָגט די צייט אין זיך ממילא אין אַלע אירע פאָרמען אַ צע־שטערערישן גייסט׳ זי שטייט אין אַ שטענדיקער פיינדשאַפט צום מענטשן׳ זי׳ די אומברחמנותדיקע צייט׳ רויבט פון אים די יוגנט און די קראַפט׳ זי פאַר־שוועכט זיין ריינסטע ליבע׳ זי פאַרפירט אים צו שעצן נישטיקע פאַרבייגייענדיקע פריידן העכער׳ איידער די עכטע אייביקע צילן פון דעם מענטשן׳ וואָס דאַרף העלפן באַשאַפן דעם פנים פון דעם קומענדיקן טאָג׳ אומאָפּהייִנגיק פון דעם׳ צי ער׳ דער מענטש׳ וועט יענעם טאָג דערלעבן׳ אָדער ניט׳ די צייט שפּילט

זיך מיט דעם מענטשן׳ מאָלנדיק כסדר דאָס אימהדיקע בילד פון טויט׳ וואָס הייבט דעם געשאַרפטן חלף איבער אים׳ און זי האַלט איר ציל דערגרייכט׳ בעת זי קען דעם מענטשן איינריידן׳ אַז ער האָט גאָר קיין אייגענעם וועג ניט און דאַרף נאָר פאַסיוו מקבל באהבה זיין דאָס וואָס זי׳ די צייט׳ וואַרפט אים צו׳

אין דעם מאָמענט׳ ווען דער מענטש הייבט אָן צו שעצן דעם פאַר־בייגייענדיקן טאָג העכער׳ ווי זיין פאַרבונדנקייט מיט דער פאַרפלאָסענער פאַרגאַנגענהייט און זיינע פליכטן קעגן דער נאָך ניט עקזיסטירנדיקער צו־קונפט — ווענדט דער מענטש זיינע שטאַרקסטע׳ נאָר אים אַליין געהעריקע קרעפטן׳ קעגן זיך אַליין׳ אַלס אַ הכנעהדיקער דינער פון דער צייט׳ וואָס לעבט נאָר אין נישטיקן היינט און וויל ניט וויסן פון דעם׳ וואָס עס איז געווען און וועט זיין׳ ווערט דער מענטש אַ געפערלעכע אומפאַראַנטוואָרטלעכע און בייזע קראַפט׳ וואָס צעשטערט פריער פאַר אַלץ זיך אַליין׳

יודיקאַ זעט נאָך איין אויסוועג׳ ווי מע קען זיך ראַטעווען פון דער געפאַר צו פאַרלירן דעם מענטשלעכן אויסזען׳ דער מענטש מוז דערשפירן׳ אַז דער פאָדעם׳ וואָס פאַרבינדט איין צייט מיט דער אַנדערער׳ שעפּט זיין קיום ניט אין דער צייט אַליין׳ נאָר אין העכערע איבערצייטלעכע׳ אייביקע כחות׳ דער מענטש מוז איינזען׳ אַז פיל שטאַרקער׳ ווי מיט דער צייט׳ איז ער פאַרבונדן מיט די אייביקע לעבעדיקע כחות פון דער נאַטור׳ וואָס ווייס אייגנטלעך ניט׳ וואָס אַזוינס איז טויט און אונטערגאַנג׳ אַין דעם מעכטיקן קרייז־לויף פון דער נאַטור ווירקט אַ אומערמידלעכער פּראָצעס׳ וואו אַלץ ווערט יעדן טאָג געשאַפן פון דאָסניי׳ אויך דער מענטש איז טיף פאַרוואָרצלט אין דער נאַטור און אין בונד מיט איר בויט ער זיין וועלט׳ אין אירע אייביקע קוואַלן קען ניט צעשטערט ווערן דאָס׳ אויף וואָס דער מענטש האָט זיין שטעמפּל ארויפ־געלייגט׳ עס איז גאָר ניט מעגליך אַז די מענטשלעכע וועלט זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאָל אונטערגיין; נייערט איין וועלטגאַנג קען פאַרביטן ווערן מיט אַ צווייטן׳ און אַלע מאָל וועלן אין אַ זעלכע איבערגאַנגס־צייטן זיין מענטשן׳ וואָס וועלן זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון דעם צעשטערערישן גייסט פון דער צייט און וועלן גלייכגילטיק קוקן אין די אויגן דעם טויט׳ וואָס האָט אפילו גאָר קיין קיום ניט אין דעם כסדר פון דאָסניי זיך באַפעסטיקנדיקן בונד צווישן מענטשן־וועלט און נאַטור־וועלט׳

ביי דער באַטראַכטונג גייט פאַרלאָרן אויך דער אונטערשייד צווישן די׳ וואָס ברייינגען קריג און פיינטשאַפט אויף דער וועלט׳ און די׳ וואָס ליידן אונטער זייער אָטעם׳ וויכטיק איז נאָר די באַציאונג צו דער זינלאָזער שוואַ

צער מאַכט, וואָס שטעלט די גאַנצע מענטשלעכע קולטור אונטער אַ פראַגע־צייכן. איטלעכער, וואָס נוצט אויס די רעזולטאַטן פון קריג און פיינטשאַפט ניט כדי שטאַרקער צו ווערן און זיי אוממעגלעך צו מאַכן, בענטשט דאָס שלעכטע מיט זיין צעשטערערישן גייסט. ער איז אַ פאַרברעכער און קודם כל — קעגן זיך אַליין און דערמיט באַפעסטיקט ער דעם טייוולאָנישן פרינציפּ פון שלעכטס, וואָס ווייס ניט פון קיין אייגענעם ווילן און צעשטערט כסדר זיך אַליין, בעת עס זוכט מיטלען, ווי אונטערצוגראָבן די עקזיסטענץ פון אַלע אַנדערע אַרום.

דערמיט מאַכט יודיקאַ דעם קרבן פונקט אַזוי פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דאָס שלעכטע און אומפרוכטבאַרע, וואָס פאַרוויסטעט די מענטשליכע וועלט, ווי דעם וואָס טוט דאָס שלעכטס. און זי דערהייבט דעם יידישן גייסט פונקט צו אַזאַ מדרגה פון אַ ריכטער, ווי אַלע די, וואָס דרייען דעם ראָד פון דעם לעבן, אין גרויסן און אין קליינעם ווירקן די זעלביקע וועלט־געזעצן. און דאָס שוואַכע מיידל דיפאַ איז פונקט אַזוי בכח צו ראַטעווען די צוקונפט, ווי די גרעסטע העלדן און שטאַרקסטע גייסטער. די וועלט איז איין גרויסע איינהייט, וואו יעדער איז באַרופן צו שטרעבן צו אַ ליכטיקער און גליקלעכערער צוקונפט. און יעדער קען געפינען אין זיך די קראַפט, זי מעגלעך צו מאַכן.

וויכטיק איז דער נייער זין, וואָס די דיכטערין פאַרבינדט מיט די באַגריפן צייט און לעבן. צייט איז פאַר איר, ווי מיר זעען, דער סימבאָל פון אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט און גלייכגילטיגקייט צו וואָס פאַר אַ ניט איז נייע אויפגאַבן און צילן. אַזאַ עקזיסטענץ ווערט דאָ פאַרגליכן מיטן טויט, וועלכער באַשטייט פאַר יודיקאַן ניט אין אַ פשוטער פאַרגליווערונג, נאָר אין אַן׳אַקטיוון קאַמף קעגן לעבן. לעבן איז אָבער דאָס אומערמידלעכע שטרעבן צו אַ נייעם זיין, וואָס איז נאָך ניט פולשטענדיק דאָ, אָבער וואָס דאַרף אין אַלץ רייכערע פאָרמען פאַרווירקלעכט ווערן.

דעריבער מוז יוגנט, האָפנונג און ערד זיין די געטרייסטע באַגלייטער פון דעם, מיט דעם לעבן זיך פאַרבינדניקן מענטשן. יוגנט ווערט קיינמאָל נישט מיד ווייטער צו שפינען דעם פאָדים, וואָס דאַרף פירן אַנטקעגן אַ אומבאַקאַנטער צוקונפט. האָפנונג איז די וואונדערבאַרע, באַפליגלטע קראַפט, וואָס קען דורך קיין זאַך נישט פעסטגעהאַלטן ווערן, שפרייזט איבער אַלע צאַמען און גרענעצן און ווייס ניט, וואָס אַזוינס איז אָפּשרעקן זיך פאַר דאָס אומבאַקאַנטע און פאַרשלייערטע. און די געבענשטע ערד איז דער פרוכטבאַרער טיפער גרונט, צו וועלכן יעדער מוז, פאַרגעסנדיק אָן זיך, אַראָפּשטייגן, כדי גע־

רייניקט און באַפרוכפּערט ווידער אויפצובליען אין אַ נייער, נאָך פריער ניט געוועזענער, שפּראָצונג. לעבן הייסט כסדר זיך אָפּזאָגן פון זיך, כדי ערגעץ וואו זיך ווידער געפינען פון דאָסניי. עס איז די הייליקע שליחות, צו וועלכער דער מענטש איז באַרופן, כדי צו פאַרווירקלעכן די אייביקע שעפערישע אויפגאַבן פון זיין נאַטור.

מיט דעם לויב־געזאַנג צו דער עכטער מענטשלעכקייט ענדיקט זיך דאָס ווערק פון דער יונגער דיכטערין. אַ טיפע אַכטונג צו דעם זיך געטריי בלייבנדיקן מענטשן און באַגייסטערונג פאַר דער נאַטור, וואָס דינט דעם מענטשן, רעדט דאָ אַרויס פון יעדן בילד, און פון יעדן פאָעטישן וואָרט צו אונדז. די שטימונג איז ניי אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז ביז איצט געווען ווייט פון ראָמאַנטיק און האָט זעלטן געלאָזט אין זיך לעבעדיק ווערן דאָס עכטע וועלט־געפיל. עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, ווי קליינע ליידן און פריידן קענען דאָ איינגעקליידט ווערן אין פאַרברייטע בילדער און קלינגען אויס אין געדאַנקען פון גרויסער טיפקייט, וואָס באַרירן די לעצטע פראַגן פון זיין און לעבן. אין דעם קלענסטן קען זיך ביי דער אויף דאָס וועלט־גאַנצע געווענדטער דיכטערין צוגלייך אָפּשפיגלען אויך דאָס גרעסטע. און ווי עס פאַרשווינדן די היפוכים צווישן קליין און גרויס, אַזוי מוזן אויך זיך נעענטער באַרירן דאָ די פאַרשיידענע אויסדרוקס־פאָרמען פון דעם פאָעטישן גייסט. עס איז שווער צו זאָגן, וואָס עס האַלט אונדז פעסטער ביי דעם ווערק פון יודיקאַ — צי די לירישע גרונט־שטימונג, צי די דראַמאַטישע שפּאַנונג, וואָס באַצייכנט די דיכטונג. מיר געפינען זיך דאָ ביי אַן׳עכטן קוואַל פון פּאָעזיע, וועלכער שפּילט פאַר אונדז אין זיינע פאַרשיידענע פאַרבן און שאַטירונגען. וויכטיק איז אָבער, וואָס אויך אין דעם דראַמאַטישן אויפבוי פון דעם ווערק גייט יודיקאַ אירע אייגענע וועגן און דעקט אָפּ אַ נייעם קאָנפליקט, וואָס איז ביז איצטער אין די דראַמאַטישע שאַפונגען ניט באַרירט געוואָרן. קעמפט דאָך ניט אין דיפאַ׳ן, אין דער הויפּט־פיגור, איין טייל נשמה קעגן דעם אַנדערן, כדי דורך באַגאַנגענע פעלערן פרי אָדער שפּעט דורכצוברעכן די אייגענע בלינדקייט און סוף כל סוף צו דערקענען, וואוהין עס האָט געדאַרפט פירן דער ביז איצט אויסגעמיטענער איינציקער ריכטיקער וועג, פונקט פאַרקערט, דאָ קעמפט אין דיפאַ׳ן דער זיכערער געזונטער ווילן פון דעם מענטשן פאַר זיין רעכט זיך פריי פון אַנפאַנג אָן אָפּצוגעבן דעם געהיימניספולן לעבנסשטראָם, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מען ווייס ניט, וואוהין ער פירט. און דער ווילן באַשטייט דעריבער אויף דעם רעכט זיינעם, ווייל ער איז פעסט איבערצייגט, אַז נאָר די נשמה, וואָס

גיט זיך פריי אָפּ דער מאַכט פון אירע טיפּסטע, און איר אַליין נאָך נישט באַקאַנטע שטרעבונגען, וועט פריי אָדער שפּעט געפינען דעם שעפערישן וועג צו עכטער מענטשלעכקייט. יעדעס באַוואוסטע אָפּוועגן פון דעם שאָדן אָדער נוצן, וואָס קען דערביי אַרויסוואַקסן פאַר דער אייגענער עקזיסטענץ, קען נאָר פאַרשוועכן דעם מענטשן, אים לייכט אָפּליינקען פון זיך אַליין און איז בכח צו פאַרוואַנדלען אַלע זיינע האַנדלונגען אין די טאַטן פון אַן אוממענטש.

אַזאַ מין קאַמפף מיט די פרעמדע, ניט שעפערישע קרעפטן פירט געווינלעך יעדער עכטער קינסטלער אין זיין אייגענעם גייסט. דערמיט האָט אין דעם שיקזאַל פון דיפּאַ׳ן די יונגע דיכטערין אייגנטליך געגעבן אַן״אָפּשפּיגלונג פון איר אייגענעם שאַפונגס־פּראָצעס. שאַפן הייסט דאָ באַשטענדיק פילן אין זיך די פאַרבינדונג מיט אַלע גוטע קרעפטן פון דער וועלט. דאָס פאָדערט אָבער כסדר אַנ׳אָנגעשפּאַנטע אויפמערקזאַמקייט און עמפּפינדלעכקייט צו אַלץ, וואָס קען ווירקן אויף דעם דיכטער. אַנ״אמתע צוקונפט האָט נאָר דער דיכטער, אין וועלכן דער שטאַרקער לעבנסדראַנג איז איינג פאַרקניפּט מיט דער גלייכגילטיקייט צו דעם אייגענעם צופעליקן שיקזאַל. און דאָס זעלביקע וואָלט יודיקאַ וועלן געפינען ביי יעדן מענטשן. יעדער זאָל זיין בכח לייכט פון זיך אָפּצושווינקען דעם נעכטיקן טאָג צוליב אַ ליכטיקערן מאָרגן, וואָס ער אַליין דאַרף העלפן באַשאַפן. מענטשלעכקייט און געניאַליטעט ווערן דאָ פון יודיקאַ גערופן צו אַנ״אייביקן געבענטשטן בונד.

לאָמיר ווינטשן דער דיכטערין, אַז זי זאָל נאָך לאַנג געטריבן ווערן פון דעם מעכטיקן לעבנסשטראָם, וואָס ווירקט אַזוי זיכער אין איר, און אַז זי זאָל זיך באַלד ווידער אַלס אַ נייגעבאָרענע געפינען אין אַ נייעם וועלנשפּיל פון פון איר דיכטערישער פאַנטאַזיע.

מענטש און צייט

פּערזאָנען:

דיפאַ. אַ מיידל פון אַ קליינעם אָרט. וועלכע קומט צוזאַמען אין דער גרויסער צייט מיט געזעלשאַפט. אַ פריילעכע, פאַנטאַזירט שטענדיק, אייגנאַרטיק געקליידט. הויך, שלאַנק, בלאָנד, מיט פאַרחלומ׳טע אויגן.

האַנע. אַ פּראָסטע מיידל, גרויס, דיק, גלאַטע טונקעלע האָר, אַ בייזלעכער פּנים, גרויסע, קלוגע און אומעטיקע אויגן.

זשעניע. אַ רויטער, פּרעכער פּנים, אַ שיינער וואוקס, פולע ברוינע האָר, קלוגע, שפּיציקע אויגן, פיין געקליידט.

סימאָן. אַ הויכער, ברייטער, מיט ווילדע, שוואַרצע האָר, אַ ווילדער פּנים מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק, פּראָסט געקליידט.

אַלעק. אַ הויכער, דינער, אַ בויגעוודיקער, אַ בלייכער פּנים, פאַרפירערישע אויגן, טונקלבלאָנדע האָר, איינפאַך אָבער גוט אָנגעטאָן.

פיגורן:

סמאָל. הויך, דאַר, אין גרין-גרויע שלאַנגען-הויט געוויקלט, אַ רויטער עק, רויטע הערנער, אַ לאַנג-שפּיציקער קאָפּ, ווילדע האָר, אַ שוואַרצע קרוין.

לילית. גרויס און שיין, שוואַרצע האָר ביז אויף די קנעכלעך, אַ ווייסער פּנים, וואָס דריקט אויס שלעכטס און קלוגקייט. דער אויבערשטער לייב איז אין לייכטן שוואַרץ געוויקלט, דער אַנדער האַלבער איז אין רויטע פייער-צונגען. בעת זי גייט, זעט זי אויס ווי שוועבנדיק. אויפן האַלז אַ שנור קינדערשע אויגעלעך, אויף די הענט שלאַנגען געוויקלט. אויפן קאָפּ אַ קרוין פון רויטע קינדערשע הערצער און הענטעלעך, וואָס שטייען מיט צעשפּרייטע און פאַרקראַמפּטע פינגערלעך.

אשמדאי. גרויס און ברייט, אין גאַנצן רויט. שוואַרצע פליגלען, שוואַרצע הערנער, אַ שוואַרצער עק. אַ ברייטער ווילדער פּנים מיט צעלאָזענע האָר. אויפן קאָפּ אַ קרוין פון טויטן-קעפּ מיט אָפענע שטאַרע און צוגעמאַכטע אויגן, ביינער פון שטיקער הענט, פיס, צוזאַמענגעקניפּט אויבן מיט אַ מעסער.

מחלת. ברוינע הויט, לייכט און דין, באַוועגלעך, פייער-רויטע האָר, אַ קראַנץ שפּינען אויפן קאָפּ. דער פּנים ווילד און פרעך, פאַרוויקלט אינגאַנצן מיט קאַצן-פעלכלעך, פאַר די עקן פאַרבונדן.

נעמהי. אַלט, שוואַרץ, ווילד, אין שמאַטעס.

זאַמדאָנס. קורץ און ברייט. שוואַרץ-צעפּלאָנטערטע האָר, אינגאַנצן באַוואַקסן, אַ גרויסער פּנים מיט קליינע שוואַרצע הערנער, אַן איינגעבויגענער רוקן, מיט פעלכלעך דעם לייב שטעלנווייז פאַרדעקט.

ערדי. אין גרויען פאַרהילט. פאַרשיידענע שפּייז-גראָזן אַרום פאַרפּוצט, פון אַלע פאַרביקע פרוכטן דער קאָפּ באַקראַנצט. אויף איר ברוסט ליגט אַ מייזעלע, וואָס זי גלעט עס.

אויביקייט. לאַנגע גרויע האָר, אין די האָר ווערימלעך, דער פּנים איז גרוי מיט פאַרקילטע אויגן, אַרום די אויגן ציען זיך ראָזע שטראַלן, די הילע איז גרוי, בלוי, גרין, רויט.

קראַפּט. פאַרפּאַנצערט אין שטאָל און אייזן, שוואַרצע לאַנגע האָר און באָרד, שפּילט אויף אַ לירע, די לירע איז טונקל-גרין און די סטרונעס פון זונען-גאָלד.

פרילינג. הויך און שלאַנק, מיט בלעטער און מיט אַלערליי בלומען באַצירט, שמעטערלינגען, באַבעלעך, פליגעלעך אויף זיך, אויפן קאָפּ אַ זונען-רייף.

גלויבן. אין ברוין פאַרוויקלט, מיט מאַט-ראָזע שטרייפן, פון קאָפּ ציען זיך גאָלדענע הערנער מיט שוואַרצע ברעגעס.

יוגנט. גרויס, שיין, מיט לייבן-פעל פאַרוויקלט, אַ קראַנץ נאַרציסן אויפן קאָפּ, שפּילט זיך מיט אַ שלאַנג.

ליבע. אין ווייס און רויט געפּאַסט, טונקעלע הערנער, די שפּיצן הערנער מיט רויטן פלאַם, פון אומעטום אַרום איר ציען זיך פלאַמען, גאָלדענער בויגן מיט שוואַרצע פיילן.

האָפענונג. אין גאָלדענע טיולן מיט זילבערנע שיכעלעך, באַצירט מיט כלערליי-פאַרביקן ליכט.

צייט. גרויס און שטאַרק, פאַרוויקלט אין רויט און שוואַרץ, באַהאַנגען מיט הענט און פיס, מיט טויטן-קעפּ, מעסער׳ס, שפּיזן, שווערדן, פון פּנים זעט זיך כמעט ווי גאָרנישט.

דאָס נייע יאָר. אַ נאַקעט קינד מיט כלערליי-פאַרביקע פליגעלעך.

די פיר ווייט־און־ברייט· טויען־גרויע געשטאַלטן·

יאַנואַר־פעברואַר· ווייסע געוואַנט מיט גאָלדענע שפּריינקעלעך און גרויאינקע· פאַסיקלעך· פון קאָפּ ציען זיך גרויע און ראָזע ליכט־שטרייפן·

מערץ־אַפּריל· ווייסע הילעס מיט גרין־גרוי געשפּריצט· פון די קעפּ מערער ראָזע ליכט־שטרייפן·

מאַי· גרין מיט ווייס־בלויע מאַי־צווייגן אויף זיך· אַ זונען־רייף אויפן קאָפּ

יוני־יולי· העל־גרין· שפּייז־גראָזן אויף זיך·

אויגוסט· מאַט־גרין מיט בינטלעך תבואות אויף זיך· אַ פאַרדאַרטע בלאַט אין האַנט·

סעפּטעמבער־אָקטאָבער־נאָוועמבער· אין גרויען געהילט· געפאַלענע בלעטער אויף די קעפּ·

דעצעמבער· אין גרוי־ווייס· געפאַלענע בלעטער אויפן קאָפּ· אַ פאַרדאַרטע צווייג אין האַנט·

באַגינען· אין גרוי־בלוי געפּאַסט· אויפן קאָפּ אַ מאָרגן־שטערן·

מאָרגן· בלוי־ראָז געפּאַסט· א זונען־רייף·

טאָג· ווייס מיט גאָלד· איבער זיינע פּלייצעס דער קאָפּ פון אַ פוקס מיט ברענענדיקע אויגן און דער קאָפּ פון אַ לייב· אויפן האַרצן זיצט אַ טויב· אַרום אים שלענגעלט זיך אַ שלאַנג און האַלט איינגעביסן די טויב ביים האַלז·

פאַרנאַכט· בלוי· מזַט· ראָז·

נאַכט· טונקל־גרין· איבערן קאָפּ אַ קראַנץ שטערנדלעך· אויפן לייב פּרעש און אינזעקטן·

צוויי יינגלעך· אַן אַלטער מיט אַן אַלטע· אַ טויטער קינד· שדים· פּייעס· פויערים· פּאָגראָמשטשיקעס· שטימע· פאָלק·

I.

טונקלקייט

טונקלקייט

בלויע, קליינינקע פליטערלעך ווי שופּן ציען זיך, שפּרייטן זיך ווייט און ברייט דורך דער טונקעלער בלויקייט זעט זיך אַ פלאַך אַהן אַן ענד. פון אַלע זייטן ציען זיך פאָלק, שטומע, טרויעריקע, מענער, פרויען, קינדער, יונגע, אַלטע, ווער מיט פאַרבונדענע גלידער, ווער אין שמאַטעס, ווער אין צירונג, קאַליקעס, יונגע פאָרלעך אַרומגענומענערהייט, — אַלע ציען זיך פּאַמעלעך טריט ביי טריט. ס'הייבט אָן צו זשומען אַ ווינט, אלע קוקן אין דער הויך, די הענט הייבן זיך פּאַמעלעך אויף, ווי אין א חלום. פון אויבן ציט זיך אַרונטער אַ גרויסער לאָרבער־קראַנץ, דער קראַנץ איז פון אַלערליי־פאַרביקע שטערן באַזעצט. אין דערמיט פון קראַנץ ברענט אַ ראָז־גרין פייערל, דער קראַנץ בלייבט שוועבן אין דער לופטן, אַלע בלייבן ווי פאַרגליווערט שטיין.

שטימע אין טונקלקייט.

דער זעקסטער טויזנט זייט דער וועלט־באַשאַף
זאָגט „זייַ געזונט" אונדז
און גייט מיט גיכע טריט אין ניט־זיין וואו אַוועק.
עס ליגט די וועלט אין אונדזער צייט
אין ליכט, אין פינסטערניש,
אין יעדער שרעקט זיך דער געדאַנק
פון זיין און פון ניט־זיין.
דאָס זיין איז האַס, ווילדקייט, שמאַרץ און לייד,
דער מענטש אַליין דערקענט זיך ניט פאַר ווערט;
ער וועט פאַרגיין אין בלוט פון פינסטערער וועלט,
נאָר ווערט באַלוינט פאַר זיין זעקס טויזנט יאָר!

אַלע לאָזן אַראָפּ די קעפּ. דער קראַנץ ציט זיך אַוועק, ס'הייבן זיך אָן בייטן טונקעלע פאַרבן, ס'דערזעט זיך אַ קליין צימערל. אַ טיפער קעלער־פענסטער. הינטערן פענסטער אַ ברעטער־פאַרקאַן, וואָס עס לייכטן דורך דורך אים בלויע און זוניקע שטרייפן און צעציען זיך אויף די דילן. אַ בעטל, אַ טישל, שטולן, אַ קאָמאָדל, אויפן וואַנט אַן אַלטער שפּיגל, אַ האַנט־וואַשער מיט אַ האַנטוך; אַ לעמפּל הענגט איבערן טישל; אויפן קאָמאָדל און טישל העפטן, טינט, פעדערס און אַנדערע זאַכן.

דיפאַ זעט מען זיצן אין בעט מיט די פיס אונטער זיך, פאַרזונקען ווי אין אַ חלום. זי הייבט פּאַמעלעך אויף דעם קאָפּ און קוקט זיך אַרום, רייבט זיך אויס

די אויגן און שטייט אויף. זי צינדט אָן דאָס לעמפל, שטעלט עס אַוועק אויפן קאָמאָדל, קוקט זיך איין אין שפיגל, פאַרשטעלט זיך דעם פנים מיט דער האַנט און טוט אַ געשריי:

דיפאַ. אָ ווי פיינט איך האָב דיך, פאַרבלאַסטער הונגער!
וואָס קריכט דאָרט אַרום פון מיין פוס־פינגער
ביז אין מיין מאַרך
און פרעסט דאָרט,
און זייגט מיר דאָס בלוט פון מיין פלייש,
און לאָזט מיך אַ שאָטן נאָר איבער,
אַ שאָטן פון דיר,
דיך ניט פאַרשטייענדיק,
דו גרויסע, פאַרווילדערטע, אין בלוט דו פאַרטריקנטע
פינסטערע צייט!
אַ גייערקע בין איך אויף וועלט־וועגן דיינע
צווישן די קנורנדיקע, רעדערדיקע,
אין יאָגעריי פון טויזנטער, טויזנטער,
לאַכנדיקע, וויינענדיקע,
עסנדיקע, הונגערנדיקע,
אין זונען און שאָטענס, וואָס זיינען צוזאַמענגעמישט.
ביסט אַ שוואַרץ־רויטע ליכט!
און איך אין דער מיט פון דיין האַרץ
ליג ווי אַ פליג אין די פיסלעך פון שפין,
וואָס שפינט איר דעם שפּיניקן גיפט אַרום האַלז
און קושט די נשמה איר אויס.
(זי קוקט ווי פאַרלאָרן אין די שאָטנס פון צימער)
צעטייל זיך דו, פינסטערניש!
באַווייז זיך פאַר מיר אין דיין גאַנצקייט, דו צייט!
איך וויל דיך אין עפּעס דערקענען,
צי ביסטו דער מענטש גאָר אַליין?
צי ביסטו די ערד?
צי ביסטו דער ווינט?
צי ביסטו די וואָלקן?
צי ביסטו די זון?
צי ביסטו אַ וואָרעם, וואָס קריכט אין מיין לייב מיר אַרום?
אָך, ווי ס׳ברענט שוין דער הונגער אין מיר!... (זי בייט איבער דעם טאָן און ווערט פריילעכער.)

אָבער איינס, וואָס קניפּט זיך ניט מיט צייט,
דאָס איז די ליבע, וואָס לעבט איר אייגן וועלט,
איר אייביק יונגע וועלט,
איר אייביק פרילינגס־וועלט...
סימאָן! סימאָן!
ווי אַ פאַקל־שיין, לייכט די ליבע
אין מיין טונקלן זיין.

(האַנע קומט אַריין, נעמט ארויס פון אַ פלייצע־טיכל אַ ליימענעם טעפּל, גיט עס אַ שטעל אוועק אויפן טישל, פאַרגראָבט זיך די הענט אין קאָפּ און לאָזט אַרויס אַ גרויליכן געוויין).

האַנע. נו וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבן?!
וואָס איז דאָס פאַר אַ צייט?

דיפאַ. (קומט צו איר) וואָס וויינסטו?
דער ווילן פון מענטשן מוז שטאַרקער זיין ווי זיין צייט.

האַנע. (קוקט איר אָן פאַראַכטנדיק):
נו וואָס פאַר אַ ווילן?
דער ווילן ליגט איצט אין דעם נישטיקן קיַי
אַ שפּיַי איז מיר איצט ווערט אַ העכערע קראַפט!
גיי נאָר אַריין אויף אַווילע ביי אונדז
און גיב נאָר אַ קוק, ווי מע ליגט דאָרט צעלייגט.
קיין פּיצעלע ברויט איז ניטאָ!
פון ווענט גיסט אַ פוכט,
די פענסטער — אין דר׳ערד,
אַ קינד אויף דער ערד
און אַ קינד אויפן טיש
און אַלע — מע הוסט... (זי שפּרינגט אויף)
און קינדער? וואָס דאַרף מען זיי איצט?
(זי לויפט ארום אַ ווילדע אין צימער, זי בלייבט שטיין קעגן דיפאַן)
און איך גאָר אַליין!
מיט גיפט בין איך פול ווי אַ שפּין.
און איידער נאָך יענער טוט מיר (וואָס ס׳דאַכט זיך מיר אויס),
דריי איך פאַר יענעם אַ שטריק שוין צו ווערגן ביים האַלדז.
(זי בויגט זיך צו דיפאַן מיט ווילדקייט)

האָ! האָ! האָ! ווי מיין האַס איז גרויס!
מיינסט איך זע ניט, אַז איר האָט זיך ליב?
אַז סימאָן קומט צו דיר?..
נאָר רוען וועל איך ניט
ביז קומען וועט אַ צייט,
ער וועט דיך האַסן ווי זיין ערגסטן פיינט!
(דיפאַ שפרינגט אָפ פון איר דערשראָקן)

דיפאַ. ניט דען איז ליבע שוין
אַזוי ביי דיר פאַרהאַסט?
צי האָסטו שוין פאַרגעסן
אַלץ, וואָס איז געווען?
דורך קעלט פון שטורעמדיקע נעכט,
אויף וועגן גלאָזעדיקן גליך,
פלעגסט לויפן קריגן כאָטש אַ קוק אין פענסטער טאָן
און זעענדיק, ווי פיינט ער האָט דיין היים געהאַט...
(זי קלערט נאָך) צי ביסטו גאָר אין סימאָנען פאַרליבט?...

האַנע. (גיפטיק) און ווי פיינט איך האָב אַליין מיין היים!
ווי איך וואָלט אַנטלויפן איצט פון איר!
(ווייך) נאָר ווען איך קום אַריין
און זע מיין מאַמען, ווי זי גייט אַרום
הוסטנדיק און שפייט דערצו מיט בלוט...
(וויינענדיק) אָי מאַמינקע! ווי איך קריג זי ליב,
ווי אַקליין קינד וואָלט איך אויף הענט געטראָגן זי,
(מיט כעס) נאָר ווען זי קוקט מיך אָן
מיט אויגן גרויס און מיד און אַזוי גוט
און פרעגט מיך שטיל:
„ווילסטו עסן וואָס?"
דערלאַנגט אַ שטיקל ברויט, דער טאַטע זאָל ניט זען...
און אַלע קינדערלעך, זיי קוקן צו
ווי אָפגעצערטע קעצלעך, קוים וואָס קריכן נאָך אַרום, —
איך קריג זיי פיינט! פיינט! פאַרשטייסטו? פיינט!

דיפאַ. ניין! ניין!
פון טויזנטער, ווי דו, האָב איך געהערט אַזאַ מין ריידן

דערינען ליגט אַ צייט!
און מיר אַליין?
זיינען צו קליין,
אָדער צו שוואַך
צו פילן אָט דעם וואָרעם, וועלכער פרעסט זיך איין
אין אונדזער האַרצנס פלייש...
אָבער ניין!
ווי שלעכט דו זאָלסט ניט זיין,
איז דאָ אַ גוטער פונק אין מענטש;
מע מוז פאַרשטיין עס אויפצובלאָזן נאָר,
דער מענטש,
ער איז פון גוטס און שלעכטס,
פון שוואַך און כח, ווי מיט פונקען אָנגעפילט,
דאָך דענק, וואו בלייבט דער נאָמען מענטש?!

האַנע. (לאַכט גיפטיק),
צו זיין אַזאַ ווי דו?

דיפאַ. (שווייגט)

האַנע. (זי שפרינגט צו מיט די פויסטן):
דו, קליינער מענטש,
דו מיינסט, אַז סימאָן האָט דיך ליב?
און אַכט דיך? האָ־האָ־האָ!
סימאָן איז אַ גרויסער מענטש,
וואָס קען די וועלט,
און שטאַרק און שיין
און ליבט, וואו גרויסקייט איז פאַראַן (זי דערלאַנגט דיפאַן אַ קלאַפ)

דיפאַ. (פאַרשטעלט דעם פנים)
שלאָג מיך ניט!

האַנע. (ווערט נאָך גיפטיקער, דרייט אַריבער די הענט איבערן האַלדז און קוקט אין שפיגל):
איך ווייס, פון וועמען סימאָן טראַכט:
איך בין מיט אים געווען אַליין —
אַך, ווי שיין...

דיפאַ. (טרויעריק).
בערג מיט שטויב שיטן זיך פון הימל אויס,
וועלטן־ליכט פאַרפינסטערט ווערט דערפון
מענטשן גאַרן נאָך ריינער, בלויער לופט, —
מענטשן שפּייען פון זיך אויסעט גיפט.

האַנע. (גיט זיך פּלוצלונג אַ וואָרף אויף דיפאַן און נעמט זי קושן):
פאַרגיב, דיפאַ, פאַרגיב,
איך בין אַ פּראָסטע זאַך!
עס האָט געצויגן מיך דאָס גאַסן־לעבן אַלץ,
נאַרן, וויטאָן יענעם, איז מיין פרייד געווען,
דער טאַטע פלעגט מיך טרייבן פון זיין הויז,
אַרבעט איז ביי מיר געווען פאַרהאַסט,
נאָר אַלעק איז געווען פאַר מיר אַ טרייסט,
ער האָט געראַטעוועט פון גאַסן־לעבן מיך (זי גיט זיך אַ וואָרף אויף אַ שטול.)
און אין דער היים איז קיין זאַך ניט געקאָכט
און איך וויל עסן צום משוגע זיין!

דיפאַ. ווען עס וואָלטן נאָר אויף לענגער שיסערייען אויפגעהערט,
וואָלט איך לויפן זוכן ערגעץ וואו אַ שטיקל ברויט.

(ס׳הערן זיך האַסטיקע טריט. די טיר ווערט דורך אַ שווערער האַנט געעפנט ס׳קומט אריין סימאָן).

דיפאַ. (טוט אַ געשריי): סימאָן!

האַנע. (קערט זיך צו צו דער וואַנט)

סימאָן. פון טאָגיקן ליכט
אין טאָגיקער פינסטערניש!

דיפאַ. (שפּרינגט צו צו אים און נעמט אים אַרום. דערלייכטערט):
עס שמעלצט דער נעבל אין מיין טיפן איך,
עס ליכטיקט זיך אַ זון אין מיר!

סימאָן. (מיט ליבע און שפּאָט).
פון וואָס קען נעבלען אין אַ דיפאַ־האַרץ,
וואָס ליבט איר לעבן,
זינגט און טאַנצט?

דיפאַ. (גיט זיך אַ שטעל אויפן שטול, פון שטול אַ כאַפּ אויף סימאָנס פּלייצעס, סימאָן טראָגט זי צו ביז אַ צווייטן שטול, דיפאַ לאַכט פריילעך, סימאָן — שפּאָטיש)

דיפאַ. אָ, זונען־גלוט, וואָס היצט דורך וועלטן־ערד,
וואָס וואַרעמט דורך די כוואַלן פון דעם ים,
דו ביסט צו שוואַך אַנטקעגן מיינע ליכט
אין מיין פאַרליבטן האַרץ!

סימאָן. (לאָזט זי אַראָפּ און לאַכט זיך פונאַנדער):
איר זייט נאָך גאָר אַ ווילדע, אַ נאַריש קינד!

האַנע. (דרייט זיך האַסטיק אום, ברעכט אויס אין אַ צאָרן):
ניין! יעדער שטיקל אויסשפּיי פון מיין קראַנקער לונג,
וואָס ליגט אין בלאָטע איינגעטרעטן,
וועל איך זוכן, זאַמלען דאָס!
און וועל מיט גיפט פאַרמישן עס
און אָנטרינקען די גאַנצע וועלט!
פאַרשפּייען וועל איך, וואו נאָר זיין עס וועט אַ ליבע־פונק!

(זי כאַפּט דאָס לעמפּל פון קאָמאָד, גיט עס אַ וואָרף אויף דר׳ערד, דאָס לעמפּל ווערט אין פיצלעך צעבראָכן לעבן דיפאַס פיס.)

דיפאַ. (מיט אַ געשריי): דאָס לעצטע שטיקל שטוביק ליכט!

האַנע. (ווילד צו סימאָנען): איר זייט פאַרליבט? די צייט איז גינסטיק איצט!

(סימאָן גיט האַנען אַ כאַפּ ביי דער האַנט. זי ציט זיך הינטערוועלעכץ, סימאָן מיט איר.)

סימאָן. האָב איך אייך שוין מיין ליבע אָנגעטרויט?

(דיפאַ קערט זיך אָפּ. ער גיט צו איר א שפּאָטישן שמייכל און לאָזט איר אָפּ די האַנט.)

האַנע. (לאַכט).

סימאָן. (גלעט דיפאַן).

דיפאַ. (וואַרפט זיין האַנט אַראָפּ).

סימאָן. (לאַכט).

האַנע. (צופרידן): וואָס רעט איר דאָ מיט איר אַסך?...
וואָס הערט זיך עפּעס איצט אין שטאָט?

סימאָן. אין שטאָט איז שרעקנדיק אַרומצוגיין:

מיט בלויזע שווערדן רייטן זיי אַרום,
מענטשן ציטערן צו ווייזן זיך;
מע גייט פון שטוב צו שטוב,
מע רויבט, מע מאָרדט,
מע שלאָגט זיך ווידער גאָר ניט ווייט פון שטאָט.

האַנע. ווער זיינען דאָס, וואָס קומען איצטער אָן?

סימאָן. דאָס ווייסט מען נישט.
נאָר טאָמער מוזן די אַרויס,
איז זייער שלעכט!
מע רעדט אין שטאָט פון אַ פּאָגראָם.

האַנע. (שרייט אויף):
מיר קענען ריכטן זיך אויף אונזער סוף!

סימאָן. מע קריגט אין ערגעץ ניט אַ שטיקל ברויט:
די מאַמע איז געגאַנגען ווייט און ברייט — ניטאָ!

דיפאַ. (נעמט צוזאַמענלייגן אירע ביכער):
דער לעצטער חלום פון מיין קינדער־וועלט,
דער לעצטער אָנדענק פון מיין קליינער היים...
מיט קלאַפּנדיקן האַרץ פון קינדער־פרייד
פלעג איך אָפט פאַר דעם געקליבן געלט
זיך מיטברענגען אַ בוך פאַר ווינטער־נעכט,
ווען שטילקייט האָט געזשומט אין גאַנצן שטוב
און טיק־טאַק פלעגט זיך שטיל דער זייגער גיין,
און אָפט זיך דורכרייסן דער מאַמעס קרעכץ,
און אָפט זיך דורכברעכן דעם טאַטנס הוסט,
צי גאָר אַ וויינען פון אַ שכנס קינד...
אָ! אויף וויפיל וועגן האָט איר מיר זיך מיטגעשלעפט!
און איצט? איך מוז פאַרקויפן אייך פאַר אַ שטיקל ברויט —
ניטאָ פאַר מיר מער קיין פאַרגאַנגענהייט! (זי כאַפּט די ביכער
און וויל אַרויס)

סימאָן. (ערגערלעך):
בלייב!

דיפאַ. (זי שטויסט אים פון זיך):

ליכט! ליכט האָב איך האָלט!
איך קען אייך נישט אויסשטיין,
איר טונקעלע שאָטנס פון נאַכטיקן רוים! (זי אַנטלויפט, ביידע
קוקן איר נאָך)

האַנע. (גיט זיך אַ קרים אַנטקעגן טיר און קוקט אַ ווײַלע אויף סימאָנען.)

סימאָן. (שטייט דעם קאָפּ פאַרריסן מיט אַ בייזן פנים.)
ווער איז זי?

האַנע. ווי ווייניק, דאַכט מיר אויס, איר קענט זי נאָך.

סימאָן. און וואָס זאָגט איר צו איר?

האַנע. זי איז אַ קליינער מענטש! (זי נעמט זיך דרייען אַרום סימאָנען
און וויל אים אַרומנעמען).

האַנע. סימאָן!... (סימאָן קוקט אויף איר, זי גראָבט זיך מיט די אויגן
אין אים אַריין, פויזע)

(פון דרויסן נעמען זיך הערן שווערע קלעפּ ווי פון האַרמאַטן, ביידע
שפּרינגען אויף).

האנע. וואָס איז דאָס אין שטאָט?

סימאָן. איך מוז אַ היים אויף גיך —
און דיפאַ איז אַוועק.

האַנע. איר טאָרט נישט גיין!
איר וועט ניט קומען לעבעדיק אַ היים.

(האַנע מיט סימאָנען ראַנגלען זיך, ס'הערט זיך אַ געשריי פון אַ צווייטן צימער,
צוויי יינגלעך פירן אַריין דיפאַן, זי גייט לאַנגזאַם, איינגעבויגן, קרעכצנדיק. פון
דרויסן הערט זיך אַ שרעקלעכער טומל, אויסגעמישט מיט קלעפּ, אין צווייטן
צימער הערט זיך הויך קלאָגנדיק).

האַנע. וואָס איז דאָס?!

סימאָן. (שטייט פאַרגליווערט)

אַ יינגל. זי איז אין גאַס געלעגן...
פייער פליען,
מ'וואָלט זי באַלד געקענט צעטרעטן.

דיפאַ· (זיצט אויפן בעט אומעטיקערהייט· דער קאָפּ הויך· ווי עפּעס טראַכטנדיק· די יינגלעך ווילן אַרויס· סימאָן לאָזט זיי ניט)·

סימאָן· וואָס איז דאָס נאָר
אויף איינמאָל שוין אין שטאָט?
פון וואַנעט האָבן זיי געקאָנט אַריין?
און ווער דאָס זיינען קען מען נישט דערגיין?

2-טער יינגל·
דאָס קען מען אייך ניט זאָגן:
עס מישט און טומלט זיך אין גאַס·
מע האָט שוין איניקע פאַמיליעס איצט דערשלאָגן·
אויסגעקוילעט וויפיל מענטשן·
קליינע קינדער·
שוואַכע· אַלטע —
ס׳הערן זיך פון אַלע זייטן קולות·

זשעניע· (לויפט אַריין)
אָ! איר זייט דאָ?
ס׳איז ניטאָ שוין וואו צו לויפן מער·
איך האָב געזאָגט:
עס וועט היינט זיין אַ מורא׳דיקער טאָג·

אַלעקי· (לויפט אַריין· רייבט זיך די אויגן):
צי מע קען דאָ וואָס דערזען?
אָ! דאָס זייט איר אַלע דאָך·
וואָס שטייט איר נאָך?
קומט באַהאַלטן זיך אַ וואו·
הערט איר דען ניט· ווי מע שרייט?
פייער פליען הין און הער·

(סימאָנס פנים פאַרענדערט זיך אין צאָרן· די אויגן דריקן אויס ווילדקייט· די פויסטן צוזאַמענגעדריקט· ער ווערט עפּעס ווי גרעסער)

סימאָן· וואָס שטייט איר דאָ און ווייסט ניט וואָס צו טאָן?
אַרויס!
און וואַרפט זיך מיט די פויסטן אין די גאַסן אָן
אויף אַלץ וואָס דרייט זיך דאָ אַרום!

זאָל ברעכן!
זאָל פאַלן!
זאָל וויינען!
זאָל טומלען!
אין אייגענער בלוט זאָלט איר ווערן דערטרונקען!
און הימל זאָל שפּריצן מיט פייער די וועלטן!
קיין לעבן· קיין שטאַרבן!
(ווילד) כאַ־כאַ־כאַ!
מיר דרייען דעם זייגער פון אָנהייב צוריק! (ער דערלאַנגט מיטן פויסט אַ זעץ אין טיר־פענסטרל און צעהאַקט עס· אַלע קוקן זיך איבער און לאָזן אַרויס אַ ווילדן געלעכטער·)

דיפאַ· (שפּרינגט אויף דערשראָקן):
ניין! ניין!
איר וועט באַלד זען· ווי שטאַרק איך וועל נאָר זיין!
עס מוז און וועט נאָך קומען ווען אַ בעסרע צייט!

האַנע· (שפּאָטנדיק):
ווי קענסטו אַזוי ריידן
אין צייט· ווען עס פּלאַצן פון הונגער געדערים?
צו טרייסטן דערמיט זיך· וואָס ס׳וועט זיין אַמאָל?
וואָס איז מיט דיר?
זעסט ניט די צייט?

אַלעקי· (בויגט זיך אויס)
לאָמיר גיין אַ הונגעריקן טאַנץ!

(זשעניע נעמט שפּאָטיש־פרעך זיך דרייען אַרום סימאָנען און אַלעקן· אַלע לאַכן אויסער דיפאַן· ס׳נעמען זיך מיטשלעפּן געלעכטערס קנויענדיקע· פאַרשטיקטע· עס ווערט טונקעלער· דאָס צימער ווערט גרעסער· דיפאַ הייבט זיך אויף מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגן· טרויעריק· אַלעמענס פּנימער ווערן אין דער פינסטער צוזאַמענגעצויגן· ווי פאַרקרימט· זשעניע הערט אויף צו טאַנצן· ס׳איז שטיל· פון דרויסן הערן זיך געוויינען· געשרייען און קלעפּ· דיפאַ טאַנצט ערשט טרויעריק· דאַן פרעכער און ווילדער· פויזע· דיפאַ טוט אַ געשריי· אַלע לאָזן אַרויס אַ געלעכטער· ס׳ווערט ווידער ווי געוועזן)·

דיפאַ· (דערשראָקן):

אָ! דאָס בין איך!

האַנע· (מיט צאָרן):

פאַרשטייסט דאָך ניט· אין וואָסער צייט דו· לעבסט·

דיפאַ· (טרויעריק):

אָ! אַלצדינג זע איך· אַלץ·
און וואָס איך זע נישט· פיל איך אין מיין האַרץ·
נאָר ווי אַפרעמדע גיי איך דורך די צייטן אום
אומעטום· ,זואו איך קום·
קען איך קיינמאָל ניט געפינען וואָס איך זוך·
אַן אָפגענאַרטע גיי איך ווייטער דורך·
אומפאַרשטענדלעך איז פאַר מיר מיין וועלט·
אומפאַרשטענדלעך בין איך זיך אַליין·
נאָר וואָס איך ווייס איז איינס —
לעבן! לעבן ווילט זיך מיר!
איך וואָלט די אויערן פאַרמאַכט·
ניט הערן קיין זאַך· וואָס עס טוט זיך אָפּ·
איך וואָלט די צייט אַריבערשפרייזן ווי אַ טיפן טייַך·
זיך טרינקענדיק אין דעם·
נאָר קומען איינמאָל צו אַ ברעג···
איך בין דאָך נאָר אַ קליינער מענטש·
אַן איינפאַך מיידל פון אַן אָרעם היים· —
וואָס קען איך פון אַ גרויסער צייט פאַרשטיין?

(עס דערלאַנגט אַ גרויסער קלאַפּ און נאָך איינער· עס דערנענטערט זיך דער טומל· די אַלטע לויפן אַריין דערשראָקן· ברעכנדיק מיט די הענט)

די אַלטע· שמאָל מיט אונדז!
העלף אונדז· גאָטעניו!
מ״איז ניט ווייט פון אונדזער טיר!

דער אַלטער· שלעכט! שלעכט!

זשעניע· (שפרינגט אויף אַ שטול)
לעבן! לעבן!
סיי ווי סיי דער טויט!

לאָמיר הוליען היינט אויף וואָס סע שטייט די וועלט!
ס׳איז דאָ אַ בוד אין הויז·
ראַמט אַרויס· אַלץ וואָס איז נאָך דאָ!
ליכט צינדט אָן!

די אַלטע· אָ; אַ קלאָג און וויי! מיין שטיקל ברויט!

אַלעקי· כאַ־כאַ־כאַ! סיי ווי סיי דער טויט!

די יינגלאַך (טאַנצן פאַר פרייד):

געוויס· געוויס· עס איז גוט אַזוי!

(די יינגלאַך לויפן אַרויס· די אַלטע לויפן זיי נאָך קלאָגנדיק)

האַנע· (שפרינגט אויפן טיש):

ווער ס״האָט זיך ליב·
זאָל איצט מיט פרייע ווערטער גיין!

זשעניע· (וואַרפט זיך אויף סימאָנען):

סימאָן! קוש מיך אָן!
איך וויל מיט דיר די לעצטע שעהן זיין·
אַליין אַ מאַן· צי נאָך אַ מאַן —
איך האָב דיך האָלט!

(זיי קושן זיך· ראַנגלען זיך· אַלע לאַכן· די יינגלאַך שלעפן אַריין ליכט· שטיקלעך פאַרשימלטע ברויט· הערינג· צעוואַרפן עס אויפן טיש)

דיפאַ· (שרייט):

צינדט אָן ליכט!
איך ווייס ניט· וואו איך בין·

אַלעקי· (צו האַנען):

וואָס געוועזן — געוועזן!
האַנע· קומט אַ הער!
לאָמיר ליבן זיך פאַר אָט דער גאַנצער צייט·
עס האַלט די וועלט זיך יעצט ביים איבערדרייען·
עס האָט די צייט צום שטאַרקסטן אירע סטרונעס אָנגעשטעלט
און רייסט מיט קלאָצעדיקע פינגערס איבער זיי·
סיי ווי סיי! זיי מוזן פּלאַצן באַלד!
זיין צי ניט־זיין?

האַנע׳ (וואַרפט זיך אויף אַלעקן):
איין שעה לעבן פאַר דער גאַנצער צייט

זשעניע׳ (לאַכט):
האָסט אים אַלץ נאָך האָלט?

האַנע׳ כ״לאַך זיך אויס פון דיר׳

(אונטער דער צייט האָט מען אַרומגעשמאָלצן די ליכט ארום טישל און דעם טישל אין מיטן שטוב געשטעלט)

סימאָן׳ (שלעפט אַריין אַ קענדל וואַסער):
איך טרינק אויף דער אונטערגייענדיקער וועלט!
איך וואָלט היינט וועלן שטאַרק באַטרונקען זיין׳
לאָמיר אַלע פריילעך זיין!
עס האָט קיין צייט דאָס ניט דערלעבט׳
וואָס אונזער צייט׳

(מען נעמט טאַנצן אַ רעדל אַרום טיש׳ די ליכט פלאַקערן׳ נאָר דיפאַ שטייט אָנגעשפאַרט אָן בעטל מיט האלב־צוגעמאַכטע אויגן׳ באַלד ווערט דאָס פאַמעלעכער׳ די קעפ לאָזן זיך ביי אַלעמען אַראָפּ׳ זיי גייען איינער נאָכן אַנדערן ווי מיט שווערע פיס׳ מיט פאַרגליווערטע גלידער׳ עס דאַכט זיך׳ דער געשריי פון דרויסן ווערט אויך צעמישט׳ פריילעך׳ אין צימערל נעמען זיך אויף די דילן אויס־שפרייטן שוואַרצע שאָטנס און קריכן אונטער אַלעמענס פיס׳ עס נעמט עפּעס זשומען׳ דיפאַ דערזעט די שאָטנס אונטער די פיס׳ טוט אַגעשריי און שפרינגט אויפן בעט׳ די טאַנצנדיקע בלייבן ווי צוגעשמידט אויף אַן אָרט׳)

דיפאַ׳ (אויפן בעט׳ שרייט):
אייער שרעקלעכקייט שרעקט מיך נישט!
נאָר זאָגט מיר: וואו געפין איך זיך?

(דיפאַ דערלאַנגט אַפאַל מיט פאַרמאַכטע אויגן׳ אַלע שפרינגען אויף צו איר׳ סימאָן נעמט זי אויף די הענט׳ זעצט זיך מיט איר׳ אַלע שטעלן זיך אַרום׳ מען גיסט איר אַביסל וואַסער אין מויל)

דיפאַ׳ (שוואַך):
קיינער האָט געוואָלט די ביכער קויפן׳
און איך שלעפּ זיך דורך די בלאסע גאַסן׳
מיט אַ פייער אין געדערים׳
מיט אַ שוואַכקייט אין די גלידער׳

פלוצלונג — קלעפּ׳ עס הויבט זיך אויף אַ טומל
פייער׳ שרייען׳ הענט מיט קעפּ אין לופטן׳
גרינע פאַרבן פאַר די אויגן׳
און מע שיט מיר ווייסע בלומען...

סימאָן׳ (קוקט לאַנג אויף דיפאַן):
אויף וועלכע ערדן האָט איר אויפגעבליט׳
וואָס איר האָפט אַזוי און ליבט?

דיפאַ׳ איך וואָלט אַ סך געהאַט צו ריידן פון מיין היים׳
דאָך קעגן איצט וואָלט אַלץ געווען צו קליין׳

אַלעק׳ יאַ׳ יאַ׳ ליבע איז שיין׳
מע דאַרף פאַרשטיין
נאָר ווי צו האָבן האָלט...

דיפאַ׳ (גיט זיך אַ האַסטיקן הויב און וויל גיין)

סימאָן׳ (האַלט זי צוריק):
וואו ווילט איר גיין?
בלייבט׳ מיר וועלן זינגען וואָס
ווי לאַנג נאָך דאָ איז צייט׳
סיי ווי סיי דאָס לעבן קורץ׳

(דיפאַ ליגט אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אויף סימאָנען׳ די איבריקע זעצן זיך פונאַנדער׳ יעדער פאַר זיך אַליין׳ אין שאָטנס׳ אַלע נעמען זינגען׳ שטיל׳ אַזוי אומעטיק)

דיפאַ׳ זינגט! איך האָב האָלט דעם געזאַנג צווישן טאָג
און פאַרנאַכט׳
עס איז ווי אַ שטראַל׳
וואָס ציט זיך אין טונקעלער קעלער־שטוב
און ווייזט אָן די שאָטנס ארום
פון די קריכיקע׳ זוכיקע׳ הונגעריקע מייז׳
וואָס שאַרן אַרום זיך אַשטול׳
וואו עס שלומערט אַ מוטער׳ געדריקט מיט
אַ קינד צו איר ברוסט׳
און אַלע צוזאַמען נאָר טרוימען
פון שטיקעלע ברויט׳ וואָס עס ליגט אויפן טיש׳

זינגט!
עס איז ווי אין שטילינקן דאָרף,
וואו סע שלומערן הייזער ווי ווייסינקע שאָף,
און רונד—אַרום, הינדעלעך, ענטעלעך, גענז,
און קוים וואָס עס רודערט אַ וועגל, וואָס ס׳ש׳לעפּט
אים אַ פערד,
דערין זיצט אַ קינד איינגעגנורעטערהייט
און מאַכט זיך זיין ערשטינקן גאַנג דורך דער וועלט,
און ווייט שטייט אַ מוטער, פאַרלייגט מיט אַ האַנט אויפן האַרץ,
די צווייטע—צו ווינקן אין לופט,
און קוקט מיט די אויגן פאַראומערט דורך נאַכט
אין דער וועלט,
און אַלע צוזאמען נאָר טרוימען פון קומענדן טאָג,
זינג! עס איז ווי אַ בלאָנדזשענדיק, זוכנדיק קינד אין דער פרעמד,
וואָס דריקט זיך צו פרעמדע,
צו זוכן אַ טרייסט פון אַ מוטערלעך וואָרט,
און ווערט אומגעשטויסן אַזוי ווי אַ בלאַט פון אַ ווינט,
וואָס פלאַטערט און ציטערט פון בענקשאַפט ביי טאָגיקער ליכט...
און אַלע צוזאַמען באַוויינען:
עס גיט קיין צוריק.

(עס הערט זיך, ווי מע ברעכט דעם פאַרקאַן נעבן פענסטער מיט פאַרשטיקטע קולות. אַלע שפרינגען אויף. עס ווערט אַ צעמישונג)

אַלעי. וואו לויפט מען?

אַלעקי. קומט אין יענער שטוב!

(אַלע לויפן אין שטוב. דיפאַ בלייבט אליין, די ליכט ברענען. אין פענסטער הערט עס אויף צו קלאַפן און נאָר דער טומל הערט זיך. אין שטוב איז שטיל. דיפאַ שטייט לעבן די ברענענדיקע ליכט)

דיפאַי. דו קראַפט, וואָס העלסט דעם טאָג
און בלייכסט די נאַכט,
דו, וואָס גיסט דעם ים די גרויסע רוישנדיקע מאַכט
אויף אָנצוטומלען פול די ווייט און ברייט,
און האַלסט די וועלן אָפּ ביים ברעג פון ערד
און לאָזט זיי גיין צוריק...

ווייז מיר אָן דעם וועג פון ליכט
צו זיין אַ גרויסער מענטש!
איך בין ניט מער ווי אַ וואַנדער־קינד,
פאַרלאָזן אין אַ טיפן וואַלד אין נאַכט,
און בעט פון גאָט אַ נס,
אַ בליץ צו ברייגגען נאָר דער וועלט,
צו זען מיין וועג... (זי וויינט)
איך וויין ניט, וואָס מיין לייב צערט אויס פון אָפּהונגערן טעג;
איך וויין ניט, ווייל מע נוצט מיין ליבע אויס,
ווי שפין דאָס לעבן פון דער שוואַכער פליג...
און ניט דערפאַר, וואָס כ׳בלאָנדזשע אין דער גרויסער וועלט אַרום,
גרויס! גרויס נאָר וויל איך זיין!
און זאָלן טיילן מיין נשמה זיך די וועלטן אַל—
איך בין אַ וועלט אַליין!

(עס נעמט באָלדערן אין פאָדער־טיר, אַלע לויפן צוריק אַריין. די אַלטע לויפן נאָך וויינענדיק)

די אַלטעי. קינדערלעך! זייט נאָר שטיל!
מע איז שוין איצט ביי אונזער טיר,
עס מישט זיך אויפן גאַס אַצינד!
אָ וויי! אָ וויי! די וועלט גייט אונטער!

(עס הערט זיך די טיר ברעכן, די אַלטע לעשט אויס די ליכט)

סימאָן (קאָמאַנדירט):
קומט! זייט איר אַלע דאָ?

(מען עפנט דעם פענסטער, אַנדערע נעמען לויפן)

אַלעקי. וואוהין לויפן?

האַנעי. פון וואַסער אין פייער!

זשעניעי. גיכער! גיכער!

סימאָני. דורכן פענסטער אין קעלער!

(אַלע לויפן דורכן פענסטער, דיפאַ וויל נעמען לויפן, גיט זיך אין דער פינסטער אַ האַק דעם קאָפּ אָן קאַמאָדל און פאַלט מיט אַ געשריי. עס גיט אַ זעץ אין דאַך, פון אויבן פאַלן אַרונטער עטלעכע ברעטער אויף דיפאַן. דער פענסטער שטייט אָפן, דורכן פענסטער דערהערט זיך סימאָנס פאַרשטיקטער רופן: „דיפאַ!

דיפאַ!״ ער פאַרשווינדט. דאָס צימער ווערט טונקל. עס הערן זיך שווערע טריט. אַ פאַרשטיקט ברומען, טונקעלע געשטאַלטן דרייען זיך אַרום. פון דרויסן הערן זיך קלאָגן, וויינען רופן: ״מאַמע״ די געשטאַלטן פאַרשווינדן, די שיסערייען ווערן ווייטער און ווייטער. אויך דאָס קלאָגן ווערט שטילער און שטילער. ווען ניט ווען אַ געשריי).

(דיפאַ שטייגט אַרויס פון אונטער די ברעטער מיד, קרעכצנדיק און שאַרט זיך פאַמעלעך צו צום פענסטער. רעדט שוואַך.)

דיפאַ. קיינער מער ניטאָ!
אויף דיר, רואינירטע וועלט, איך שטיי און קוק
זויגט נאָך אַ וועלט דער טאָג מיט זונען אָן
און וועלטן אָנגעבלומט, קוקן פרעגנדיק צו הימלען אויף?
נאָר דאָך,
עס איז דער זעקסטער טויזנטדיקער יאָר...
צי בלייבט זי ליינגער נאָך אַזוי?
קען די זון ניט פון איר אָרט אַוועק
און אַלץ פאַרברענען וואָס אויף ערד איז דאָ? (זי קוקט אין פענסטער)
ניין, נאַכט שפרייט לאַנגזאַם זיך
אין וועלטן אויס,
און מיט איר טונקל־בלויעם הויך, הויך אין הויך
פאַרנעמט זי וועלט
און זעצט אַ זילבער קרוין איר אויפן קאָפּ...
און אפשר די לבנה רייסט זיך אָפּ
און לאָזט זיך ווי אַ ליכט־ראָד אויף דער ערד אַראָפּ?
ווערט דען דאַן ניט אַלץ פאַרוויסט? (זי קריכט פאַמעלעך דורכן פענסטער)

II.

נאכט

נאַכט·

(אַ בלאַסע לבנה באַשטראַלט אַ גרויס פרייע פעלד הינטערן שטאָט· דאָס פעלד איז פול מיט געלע בלימעלעך· אויף איין זייט אַ בערגל· ארום בוימער· הינטער די בוימער הערט זיך אַ וואַסער· אויף דער צווייטער זייט דאָרפישע הייזלעך: רויטינקע· ווייסינקע· וואָס זעען אויס ווי אין שאָטנס פאַרוויקלט· אַ ווינטל בלאָזט· אויפן פעלד ליגן צעלייגטע: האַנע· זשעניע· סימאָן· אַלעק· סימאָן זיצט אויפן בערגל· דעם רעקל אויף זיך אַרויפגעטאָן· דיפאַ זיצט אָנגעשפאַרט אָן אַ בוים· באָרוועס מיט אַ שאַלקע אויף זיך· אַלע זיינען פאַרוויקלט אין שטראַלן און שאָטנס· ווער עס ליגט אַרויפגעדעקט אַ רעקל· ווער אַ טיכל· אַלע זינגען שטיל· סימאָן גיט אַ קוק אויף דיפאַן שטרענג· דיפאַ קוקט אים אָן פאַרחלומט· ווי ניט פאַר־שטייענדיק· סימאָן קערט זיך האַסטיק אָפּ· שפרייט אונטער זיין רעקל און שלאָפט איין· דער געזאַנג ווערט שטיל· אַלע שלאָפן· ווען ניט ווען הערט זיך פרעש קוואַקען· אַ פויגעלע זינגען· דאָס וואַסער רוישן· אַ ווינטעלע בלאָזן· פון גאָר ווייט קרייַט אַ האָן· דיפאַ הערט זיך אַ ווײַלע צו· ווי אַלע שלאָפן· דאַן הייבט זי זיך אויף· באַטראַכט די נאַכט· און רעדט ווייך לאַנגזאַם)

דיפאַ·

דו ניט דערענדיקטע וועלט·
דו ניט דערבענטשטע ערד!
בלאַס איז דיין לייכטן ווי זילבערנע
שפינוועבס אויף ערדישן גרין···
ווי אַ גרינינקע טויב אין אַ זילבער־געפלאָכטענער נעסט·
ווי שיין ביסטו· ערד!
ווי שיין איז דיין שווייגן· פאַרסודעט
אין נאַכטישן זיין·
אַ דימאַנט· וואָס האָט נאָך אין זיך ניט די קלאָרקייט פון שיין
און פול מיט די שאָטנס·
וואָס קריכן· וואָס טונקלען מיט עפּעס·
וואָס קייַנער פאַרשטייט···
עפן· צעעפן דיין האַרץ· נאַכט·
און לאָז מיך אַריין!
ווי אומעטיק־גוט איז צו זוכן אַ וועג·
ווען מ׳ווייסט נישט וואוהין···
(זי קערט זיך צו דער שטאָטישער זייט)
שטיל· שטילקייט· שטיל!

איך וויל איצט ניט הערן די זיפצן פון שטייניקער שטאָט,
ווען ס׳ליגט דאָרט די צייט מיט איר פלאַמיקן קאָפּ
און קײַט דורך מיט קייטן פון הונגער און טויט···

(זי בלייבט אַ ווײַלע פאַרקלערט אין זיך, און הויבט אָן פלוצלונג ריידן דערשראָקן)

עפּעס טומלדיקעס פיל איך טיף אין זיך.
שטימען טויזנטער דערהער איך איצט אין מיר!
איך בין אַ מייד, וואָס טרינקט זיך אָן מיט רעגן
און שטראָמט פונאַנדער ווייט איבער די ברעגעס···
ליכט און שאָטנס קנוילן זיך פאַר מיר,
מיט רויך און פלאַמען טוט זיך אָן אַ וועלט.
און יאָרן··· יאָרן··· אָן אַ שיעור און ברעג
שטויסן אַלע זיך פאַר מיר צוזאַמען···
און שוואַך בין איך אַנטקעגן דיר, מיין ליבע,
און שטאַרק בין איך אַנטקעגן זיך אַליין
און ווער בין איך, וואָס איר רופט אָן מיך קליין?
און ווער זיינט איר, וואָס קענט ניט זיך אַליין?
(שטיל און אומעטיק)

אָ! אומעטיק־גוט איז צו זוכן אַ וועג,
ווען מע ווייסט ניט וואוהין.

(אַרום איר הערט אַלץ טונקעלער און טונקעלער, עס לאָזט זיך הערן אַ פידל. באַלד נעמט זי באַגלייטן נאָך איינע און נאָך. צולעצט פאַלט עס אַריין אין אַ גאַנצן אָרקעסטער. די מוזיק איז אַ שטילע. זי באַקלאָגט עפּעס. עס וויינט און רייסט זיך אַ קאַמף־געשריי, אַ שטורעם. אַ געלעכטער. דיפּאַ הייבט אָן צו גיין מיט צוגעמאַכטע אויגן און בלייבט שטיין ווי פאַרבלאָנדזשעט. רעדט מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער: „פרייד”··· „הונגער”··· זי וואַרפט זיך לאַכנדיק־ווײַנענדיק אויף דר”ערד און בלייבט ליגן. שטאַרקער שטורעם, דונער, בליצן, פאַרשטיקטע קוויטשענדיקע געלעכטערס, געשרייען, אַ צעמישטער טומל פון קלאַפּן בלעכן, האַקן שטיינער. אַ שוואַך רויט ליכט באַלייכט אַ גרויסן פרייען פלאַץ. האַלב צעפאַלענע מויערלעך, צעוואָרפענע שטיינער, ציגל. פון אַלע צעפאַלענע מויערלעך ווייען אַרויס רויט־שוואַרצע פלאַמען־צונגען. דער הינטער־גרונט פאַרלירט זיך אין שוואַרצקייט, וואָס ענדיקט זיך מיט אַ רויטן פייער. אין פאָדער־זייט ליגט אַ שוואַרצער בעקן מיט רויטע פלאַמען. אָן אַ זייט אַ בייט פון רויט־שוואַרצע בלומען מיט אַ טראָן צו קאָפּנס. פון צוקאָפּנס שוואַרץ־רויטע פלאַמען. לעבן בעקן אַ בייט פייער פון רויטע מיט שוואַרצע צונגען. דער גאַנצער אַרום זעט אויס ווי אַ צעמישונג פון רויטע

און שוואַרצע שאָטנס. סמאל ליגט אויפן טראָן־בעט מיט אַן עפּל אין האַנט. לילית לעבן פייער; לעבן אירע פיס ליגט דאָס קערפּערל פון אַ טויטן קינד. אין הינטער־גרונט ביים פייער זיצן נעמה מיט זאַמדאָנס, דיפּאַ זעט זיך די גאַנצע צייט ליגנדיק. אַרום — קריכנדיקע געשטאַלטן, גלייך צו מענטשן מיט שוואַרצע עקן, שוואַרצע הערנער, רויטע לייבער, וואַרפן אין בעקן שטיקלעך קוילן).

לילית (לאָזט אַרויס אַ ווילד־קוויטשנדיקן געלעכטער, רייסט דאָס קינד ביים הענטל)

דעם אָטעם האָט עס אויסגעהויכט אַצינד.
כי – כי – כי – כי – כי!
זאַמלט, אַלע מיינע פירשטן, זיך אַרום!
אין פייער־פלאַם זאָל עס אַריין!
און וויינענדיק זאָל עס צו גאָט אַרויף!
אַ נשמה ווי אַ מילב די גרויס, כי – כי – כי – כי
האָט אַ מאַמע אויך אום דעם געוויינט?
דורך ווייטיקן עס אויף דער וועלט געבראַכט?
אַ גרויסער מענטש האָט עס געדאַרפט צו זיין,
אַ וועלטן־קאָפּ,
צו שאַפן נייע ליכטער אין דער וועלט,
צו פלאַנצן נייע מענטשהייט אויף דער ערד···
כאַ–כאַ–כאַ–כאַ, כי–כי–כי–כי!
אין אַ שטילער נאַכט בין איך אַריין צו איר,
און האָב געזען אַ בלאַסע, דרעמלענדיקע פרוי־געזיכט,
וואָס האָט געחלומט פון אַ מוטער־גליק.
אין קאַמער האָט געברענט אַ שוואַכע ליכט,
אַן אַלטע איז געווען דעם שוועל אַריבער···
(שטיל) כי–כי–כי, איך האָב מיין פליגל אַרום ליכט געפּאָכט.
דאָס ליכט געשפּרונגען האָט אַהין, אַהער
און האָט פאַרלאָשן זיך.
כ”האָב גיך מיט שטילע הינער־טריט
די מוטער נאָך אין בעט פאַרדרייט,
אַליין זיך אין איר אינערן פאַרדרייט —
און האָב צעריסן איר דעם מוטער־טרוים!
זי האָט געשריען און געברומט.

דאָס קינד האָב איך אין טונקלקייט פאַרהילט
און בין אַנטלאָפן מיטן קינד,
ווי דער ווייענדיקער ווינט!

(מיט פאַראַכטונג) איך בין באַשאַפן פאַר אַ וועלטן־שפּיל.

אַ גרויסער מענטש ווערט שוין אַלס קינד געטויט פון מיר!
מיר איז די מענטשן־וועלט פאַרהאַסט!
און קיינמאָל האָט די צייט מיר צוגעפּאַסט
ווי איצטער, ביי דעם לעצטן טויזנט־גאַנג —
איך כאַפּ אַ פאַנג נאָך אַ פאַנג!
פאַרטריקנט־אויסגעדאַרטע קינדער פון אַ מוטער־האַנט,
סקעלעטן־קעפּ מיט ביינערדיקן לייב...
כאָ־כאָ־כאָ־כאָ, גיי אונטער, וועלט!
ליגסט אין אונזערע הענט!

(רויטע לייבער קריכן אָן, כאַפּן דאָס קינד און לויפן קוויטשענדיק, זיך וואַרפנדיק דערמיט צום הינטערשטן פייער).

לילית. (שרייט זיי נאָך):
די אויגעלעך פון קינד רייסט אויס!
עס פעלט צום פערל־קייט נאָך פיל.

סמאָל. (אַרויסלאָזנדיק אַ ווילדע ברומעריי):
האָ־האָ האָ־האָ־האָ!
עס האָט געשאַפן גאָט אַ מענטשן־וועלט,
קלוגע טראַכטערס צווישן הימל, ערד,
שאַפן וועלטן, לענדער, שטעט
פאָרשערס, זוכערס דורך דער ווייט־און ברייט.
האַ־האַ־האַ, אַ מענטש!
הו־הו־הו־מענטשן־כח —
אַ הויפן ערדן־זאַמד,
אַ טראָפּן ליכט־פאַרשטאַנד...
און שוין דעם ערשטן מענטש,
וואָס האָט געזען די קומענדיקע וועלט,
געוואוסט די מענטשהייט, וואָס לעבן וועט אויף דר״ערד,
האָב איך געפאַנגען דורך דעם עפּל־פרוכט,
וואָס איז פאַרבאָטן דורכן טויט געווען, —

אָ! ווי לייכט איך האָב אים איינגערעדט...

(מיט פאַראַכטונג) איך בין דער שלאַנג, וואָס טיילט דאָס זיסע גיפט!
עס איז ניטאָ קיין אויסנאַם מער אין וועלט,
צי יונג, צי אַלט,
צי מיאוס, צי שיין, —
מ״כאַפּט עס, רייסט עס מיר אַרויס פון הענט,
אין דרייעניש פון האַלב צעמישטער וועלט.

(ער וואַרפט דעם עפּל אין דער לופט, כאַפּט אים אָן צוריק. אַלע שדים לאָזן אַרויס אַ קוויטשענדיקן געלעכטער, אַרום דיפאַן זיצן נאָך אַרומגעזעצט די שדים־מוזיקאַנטן, עס קומען פּלוצלונג אָנגשפּרונגענע שדים דורכן גאַנצן גאַנג און וואַרפן זיך צו סמאָלס פיס)

אַ שד. גרויסער פירשט, וואָס הערשט אין אונטער־וועלט,
עס זאָגט דיר אָן דיין רויטער שדים־קנעכט,
עס קומט באַרינגלט מיט איר גאַנצער מאַכט
די שיינע מחלת פאַר דיר טאַנצן היינט.

(אַלע בלייבן שטיל און קוקן צום אַריינגאַנג, לילית לאָזט ווילע־ווייז אַרויס פאַרשטיקטע ברומען, קוקנדיק אויף סמאָלן און אויפן אַריינגאַנג, סמאל גיט אַ אַ באַפעל: „מוזיק!״ די שדים־מוזיקאַנטן אַנטלויפן, ס׳ווערט שטילער און שטילער, עס הערן זיך לילית׳עס ברומען און סמאָלס פאַרשטיקטער געלעכטער, אַלע שדים דרייען זיך צוזאַמען אין די ווינקלען, קליינע פּויזע, עס הערט זיך די מוזיק, וואָס קומט אַלץ נעענטער און נעענטער, עס באַווייזט זיך מחלת מיט אַ פייקל אין האַנט, זי טאַנצט דורכן גאַנג ביז סמאָלן: די מוזיק שפּילט אַלץ ווילדער און ווילדער און איר טאַנצן איז פרעך, ווילד, ליידנשאַפטלעך.)

מחלת. פריי ווי דער שטורעם,
ווילד ווי די ימים,
מיט מיין פרעכקייט איז פול איצט די וועלט!
איך היץ ווי די שטראַלן
און דופט ווי דער פרילינג,
און רייץ ווי אַ ווינטל אין זומערדיק נאַכט.
כאַ־כאַ־כאַ־כאַ
באַוועלטיקט איז יעדער פון מיר אויף דער וועלט!
וואָס מערער צייטן,
אַלץ ווער איך גרעסער!
קיין חיה ניטאָ, וואָס זאָל לעבן אָן מיר!

(צו סמאָלן): קלוגקייט פון שלאַנגען,
שוואַרצקייט פון שטאָק־נאַכט,
דריק זשע מיך צו צו דיין גיפטיקן האַרץ!
אייביק זאָל פלאַמען,
אייביק פאַרסמ׳ען
זאָל איטליך באַשאַף, וואו איך וועל נאָר אַריין!

(מחלת און סמאָל ליגן ווילד אַרומגעאַרעמט. אַלע שדים נעמען טאַנצן אַרום זיי. לילית לאָזט אַרויס אַ געפערלעכע ברומעריי, רייסט זיך מיט די נעגל דעם לייב. עס ברעכט אויס אַ שטורעם און דורכן שטורעם הערן זיך קוויטשעדיקע שדים, וועלכע קומען אָנגעשפרונגען און שטעלן זיך אַרום לילית.)

לילית. (ווילד): רייסט פונאַנדער אַלע צאַמען פון דער וועלט,
אַלע צאַמען פון דער טיף־און־ברייט!
פייער! פלאַמען! טרייסלט אויף די ערדן!
ברעכן, טומלען זאָל, אַ קריג זאָל ווערן!
(זי נעמט קראַלן מיט די נעגל צו מחלתן און לאָזט אַרויס אַ קוויטש)
עס זאָל קיין גרעסערע ניט זיין פון מיר!
עס זאָל קיין אַנדערע ניט זיין מיט אים!
כ׳בין צוערשט באַשאַפן פון די פרויען־גייסטער
און האָב אַ מאַכט אויף אַלע אונטערוועלטן,
אויף אַלע אויבערוועלטן,
אויף קליינע מענטשן־קינדער,
אויף אַלע ערדן־טיילן.
ניטאָ קיין הייליקייט, וואו כ׳דרינג ניט איין,
ניטאָ קיין געטליכקייט וואו כ׳זאָל ניט זיין.
ווער עס ווערט מיין מאַכט נאָר וועלן שוואַכן,
קריכן זאָל ער ווי אַ שפין אויף ערדן!
אַ תל פון אים זאָל ווערן!
(צו די שדים) פאַרזאַמלט אַלע זיך דעם פינסטערן באַרג אַרום
און ברומט,
עס זאָל צעציטערן דער כח פון הימל, ערד,
עס זאָל אַ שרעק באַפאַלן אַלץ, וואָס לעבט אין וועלט!
צערייסט די צוימען פון דער אונטערוועלט!
אַ קריג זאָל זיין!

(מחלת שפרינגט אויף און שטעלט זיך אַקעגן ליליתן. ביידע ווילד. אלע שדים פאַרזאַמלען זיך נאָך זייערע האַרן. מחלת און לילית לאָזן אַרויס שרעקלעכע ברומען און מיט זיי ברומט די גאַנצע אונטערוועלט. סמאָל קאָרטשעט זיך איין אויף זיין בעט און לאָזט אַרויס אַ ווילד געלעכטער. דאָס ליכט ווערט פאַרטונקלט, עס הערט זיך ווידער אַ שטאַרקער שטורעם און מיט דעם שטיל־ווערן פון שטורעם ווערט ווידער דאָס זעלביקע ליכט און עס דערשיינט דער אַשמדאַי)

אַשמדאַי. (טוט אַ געשריי, אַלץ ווערט פאַרשטומט)
איי! פינסטערער באַשאַף פון רויט־און־שוואַרץ,
פון ווילדקייט, האַס,
פון קריג און בראַנד,
פון חרפה, שאַנד,
פון גאָר דער שלעכטסקייט אויף דער ערדן־מאַכט,
וואָס האָט צום שרייען דאָ אַרויסגעפירט
די גייסטער־פרוי לילית!
איר, מאַכט פון קרענקונג, גיפט, —
האָ־האָ־האָ! —
איך וואָלט דאָס לעצטע באַלד דערגרייכט
ביים קריג פון פייער, שפיזן, שווערד,
ביי ווילדער שלאָגעריי פון מענטש און מענטש,
ביי ווילדער טומלעריי פון פייער־בראַנד,
ביי ווילדער קריכעריי דורך ערדן־בלוט,
וואו מענטשן, ווי די ווילדע הינט
אַ פאָטער רויבט און מאָרדט זיין זון,
אַ מוטער שניידט און עסט איר קינד;
און בלינד,
מיט לייבן־כח,
מע וואַרפט זיך אויף די שטעט אַרויף,
מע ברעכט, צערייסט די שאַפונג אייגענע,
מע גרילצט, פאַרניכטנדיק די גאַנצע הייליקייט —
כאַ! כאַ! כאַ! כאַ! כאַ! כאַ! —
אין גאַסן־שלאַכט
איך בין געשטאַנען אין דער רעכטער מיט
און האָב מיט ווילדקייט קאָמאַנדירט:

„אײ! ניט רוט!
„דער פײנט איז װילד.
„ער קומט! ער קומט!
„פײער גיט!
„ניט לאָזט די שטאָט זײ גאַנץ!
פאַרברענט, צעשלאָגט!״
און קראַך און בראַנד!
און ס׳קײקלען זיך פאַרװאונדעטע אין ערדן־זאַמד
אַ מאַן,
אַ װײב,
אַ פאָטער, זון
אַ פרוי, אַ קינד,
אַ שװעסטער, ברודער —
אַ פײער־ראָד!
בײם פײנט דאָס זעלביקע געטאָן!
אַ מענטשן־װעלט,
װעלטן־קעפּ! (אַ װילדער געלעכטער)
נאָר פלוצלונג קלינגט צו מיר דער אונטערװעלט־געשרײ, —
נו, בין איך דאָ!
עס זאָל אַ פרײד דאָ זײן!
עס ליגט די אויבערװעלט אין אונדזערע הענט.
װאָס איז פאַר אונדז דער קליגסטער מענטש?
פרײלעך זאָל איצט זײן!

(װילדע קולות, געשרײען. עס קומט פאָר אַ שדים־טאַנץ. סמאל קאָמאַנדירט װילד, שטײענדיק אויף זײן בעט. אַשמדאַי טרײבט זײ אונטער מיט שטיקער שטריק. מחלת טאַנצט, לילית זינגט. װילדע דורכדרינגענדיקע קולות. צולעצט שטײנער קלאַפּן, בלעכן פויקן און שטיקער פײער פליען)

לילית. אַ מענטשן ברײנגט!

מחלת. אַ װעלטן־קאָפּ!

סמאל. אַ שאַפער פון אַ נײ־ער װעלט (שדים רינגלען אַרום דעם ליגנדיקן מענטש)

אַלע. אַ מענטש? אַ מענטש!

אַשמדאַי. װי קומט אַ מענטש אַ הער?
איך שיט אַ פײער אײך אויף קעפּ אַרויף,
װי שװאַכע מענטשן לײג איך אויס אײך באַלד!

(אַלע גיבן זיך אַ װאָרף צו זײנע פיס. ער כאַפּט די שטריק און האַקט זײ דורך, טרעטנדיק זײ מיטן פוס)

אַשמדאַי. װאָס ליגט איר אַלע דאָ װי טויטע מײז?
עס זאָל דער מענטש איצט װערן אויפגעװעקט!

(אַלע שטעלן זיך אַרום דיפאַן, אַשמדאַי טרעט עס מיט די פיס און שיסט אויס אַ געלעכטער)

פאַרשטײנערט ליגט דער מענטש אויף אונדזער ערד,
מיט אויגן אײנגעפראָרן װי אַ װאַסער־הויט,
פאַרהונגערט ליגט, צום גומען צוגעקלעפּט די צונג,
און עפּעס חלומט ער און טרוימט געװיס פון בעסרער צײט.

(דיפאַ רירט זיך נישט. אַלע לאַכן)

אַשמדאַי. שטיל זאָל זײן!
דעם מענטשנס זון, װי שװאַך ער זאָל ניט זײן —
מוזיק אים קען דערװעקן גלײך,
און שװאַכט צוריק אים אָפּ,
פאַרדרײט אים גיך דעם קאָפּ
און פאַנגט אים אײן.

לילית. און שמעלצט אים פון פאַרגליװערטקײט צוריק װי טוי.

(עס קומען אָן נעמה מיט זאַמדאָנס. טומל. אַשמדאַי קושט זיך מיט לילית, סמאָל מיט מחלת, דאַן װידער פאַרקערט)

זאַמדאָנס. אין פּעכיק פלאַם זאָל אויסגײן די נשמה
פון דעם קלײדער־פּאַק!

אַשמדאַי. טרעט אָפּ צוריק!
צו גיך דער טויט,
נאָך פילן מוז זי, װער זי איז!

(אַשמדאַי צעטרײבט אַלע שדים אין די װינקעלעך, עס הערט זיך װידער די אומעטיקע האַרצרײסנדיקע מעלאָדיע. דיפאַ הײבט זיך פאַמעלעך אויף, הײבט אָן צו גײן מיט האַלב־אָפענע אויגן)

דיפאַ· שפּיל נאָר··· שפּיל·
דו מיין איינציק פרייד
אין צייט פון טרויער· שוואַרץ און לייד·
ווען שווערדן קלינגען איבער קעפּ·
ווען באָמבעס רייסן אויף די ערד·
ווען הונגער ווערגט אזוי און ווערגט·
אָ· ווי הונגער דריקט!
מע גייט ווי פליגעלעך·
פאַרגיפטיקט פון אַ קלעפּיק-גיפטיקן פּאַפּיר·
וואָס פליען אויף די פענסטער אָן· אַ גאַנצע שלאַכטפעלד פול·
און ווער עס זומט און צאַפּלט נאָך אַרום···
פאַר וואָס ביים פענסטער נאָר?
מן הסתם· צו זען נאָך שטאַרבנדיק די זומער־וועלט!
אָ! וואָס ביסטו מענטש?
און וואָס וואַנדלט דיך צום אוממענטש אום?
אָ! ווי איך בענק נאָך קומענדיקער בעסערער צייט —
און דאָך ווי ווייט··· ווי ווייט···
שפּיל נאָר· שפּיל!
דאָס שפּילן גיט די ליבע מיר·
וואָס איך פאַרלאַנג· אָ וועלט· פון דיר·
ווייל דו באַזיצט עס ניט·

(די מוזיק גיט אַ פּלוצלונגן קלאַפּ· אַלע לויפן צוזאַמען מיט אַ ווילד געלעכטער· דיפּאַ רייסט אויף די אויגן מיט אַ געשריי און בלייבט מיט האַס קוקנדיק אויף זיי·)

אַשמדאַי· (מיט האַס) אַ מענטש פון מענטשן־וועלט·
אַ גאָטס באַשאַף·
אַ טרוימערקע פון בעסערער צייט·
טונקט זי גלידערווייז אין קאָכעדיקן· בלוטיק טייך!
רייסט איר די נשמה גלייך אַרויס
און וואַרפט זי אויף די שפּיזן אין דער ווייט און ברייט!
אַ ערדן־מאַכט· אַ גאָטס באַשאַף!

(אַלע גיבן זיך צו איר אַ וואָרף· רייסנדיק זי ביים קלייד)

אַלע· אַ מענטש· אַ מענטש· מענטשן-מאַכט!

דיפּאַ· וואו בין איך· זאָגט?

לילית· (צו איר מיט די נעגל)
וואו דו ביסט?
דערקען זיך נאָר·
ביסט ביי זיך אַליין!
און מיר אַלע דאָ זיינען דו···
נו· וואָס זאָגסטו נאָר דערצו?

(אַלע לאַכן ווילד· אַנדערע שלעפּן אַריין אַ טויט קינד· גיבן עס אַ וואָרף צו לילית׳ן· לילית גיט זיי אַ וואונק דערמיט צום פייער· דיפּאַ פאַרשטעלט זיך דעם פּנים מיט עקל)

דיפּאַ· (שרייט) אייער שרעקלעכקייט שרעקט מיך נישט!
נאָר זאָגט מיר· וואו געפין איך זיך?
ווער האָט דאָס מיך פאַרנאַרט אַ הער?

אַשמדאַי· דאָס זיינען מיר· אָט ווי דו זעסט אונדז אַלע דאָ
איך בין אין דיין פריינד סימאָן·
און דיינע פריינדינס שטייען אַלע דיר אַרום·

לילית· (ווילד)איך בין אין אַ האַנע·

מחלת· איך בין אין אַ זשעניע·

סמאל· (מיט שפּאָט) און איך — פאַרזוך דעם עפּל נאָר —
דערקענסטו גלייך מיין ווערט·
און קענסטו נאָר מיין ווערט·
דאַן קענסטו זיך אַליין!
דאַן ווייסטו קלאָר דיין וועלט·
דו ווייסט דיין וועג און שטעג·
און ווייסט אין וואָס דו לעבסט·
און ווייסט נאָך וואָס דו שטרעבסט·
און ווייסט צו וואָס דו קומסט·

לילית· כי — כי — כי· צום שוואַרצן גרוב!

מחלת· האַ — האַ — האַ· אַלס שטיק פאַרגעלטע פלייש!

סמאל· אַ קליגערע פון דיר האָט דאָס פאַרזוכט·
אַ הייליקער באַשאַף פון גאָטס האַנט·

וואָס האָט גן־עדן־וועלט געהאַט.

אַשמדאַי. ביסט דאָך עפּעס מענטש!
ביסט דאָך העלד פון וועלט,
ביסט דאָך געטער־מאַכט,
פאָרשט דאָך, זוכסט און שאַפסט,
בויסט די שיינקייט אויף פון וועלט,
לייגסט אויף אַלץ אַ ווערט,
גיסט דאָך אַלץ אַ נאָמען...

(בייז) וואָס איז אַ מענטש, ער זאָל ניט זיין מיט אונדז?
ווער שאַפט אַ קריג, ווער ברעכט דען שטעט?
ווער הרגעט, שלאָגט זיך —
ברודער־מענטש און מענטש?
ווער איז דיין קראַפט אין צייט פון קריג?
ווער רייצט אייך אָן און ווער רעגירט?
וואָס ביסטו אַליין? (אַלע לאַכן)

דיפאַ. איך בין אַ קינד, וואָס גייט פון צייט צו צייט.

מחלת. (שפּרינגט צו איר):
אָ, דו שטאַרבנדיקע פלייש!
וואָס האַלסט זיך פאַר אַ ריין־געקנאָטן מענטשן־טייג!

לילית. אין סמאָלע־פייער וואַרפט זי דאָרט אַריין!
דו ביסט אַ שפּיי ניט ווערט!

דיפאַ. דעם טייוול מאָל איך קיינמאָל ניט צו שוואַרץ
און שרעק זיך קיינמאָל ניט פאַר לעבנס שווערסטער פּיין,
איין טאָג געלעבט —
און דאָך עס הייסט אַ מענטש געווען.

אשמדאי (קריכט איר נאָך).
פון וואָס באַשטייט דיין מענטש?

דיפאַ (פאַרקלערט).
פון כחות, וואָס זיי לייכטן
ווי קלאָרע זומערטעג;
פון כחות, וואָס זיי טרוימען
אין מענטשנס שטאַרקסטן שלאָף;

פון כחות, וואָס זיי טרינקען
מיט טרויער אָן דאָס האַרץ;
פון כחות, וואָס זיי ציען,
ניט ווּיסנדיק וואוהין...

(שרייט) איך בין אַ מענטש! אַ מענטש בין איך!
וואָס ווילט איר דען פון מיר?

(אַלע שרייען, לאַכן. מ׳רייסט איר ביים קלייד)

סמאַל. אין וואָס באַשטייט אונדזער באַשאַף?

אשמדאי. און וואָס ביסטו?

(ביי דיפאַן בייט זיך פּלוצלונג איבער דער האַלט פון פּנים. זי עפנט גרויס אויף די אויגן און קוקט זיך אַרום. איר פּנים דריקט ערשט אויס ווייכקייט, דאַן שרעק און פאַראַכטונג)

דיפאַ. איך בין אַ מענטש און שפּרייז יאָרטויזנטער אַרום אין וועלטן,
און זעלטן האָט אַ אָרט מיר אָפּגעגליקט.
אייך, אייך דערקען איך איצט!
איר זייט געווען אין יעדן מענטשן!
איר האָט געפּלאָגט מיין לייב פון הונגער־ווייטיק,
איר האָט געלאָזט מיך לויפן נאַקעט, באָרוועס;
איר האָט געטריבן מיך דורך שטעט און שטעטלעך.
אייך, אייך דערקען איך איצט!
איר האָט געדרייט זיך אין די גאַסן
מיט בלויזע שווערדן,
געקוילעט אַלטע מענער,
צעשניטן קליינע קינדער,
געשענדעט פרויען...
וואו האָב איך אייך אויף יעדן טריט דען ניט געטראָפן?
וואו וואָלט איך ניט געווען פון אייך אַנטלאָפן...
איך האָב באַהאַלטן זיך אין ווינקל פון דער ליבע,
איך האָב געלעבט דאָרט ווי אַ שוואַלב אין פרילינג
געאָטעמט פון איר שיינקייט, געוואַרעמט זיך אין ליכט אירס...
און אייך? אייך דערקען איך איצט!

איר זייט אין יענע שיינע אויגן אויך געווען —
איר שרעקט מיך ניט אַצינד!
נאָר זאָגט! וואָס ווילט איר דען פון מיר?

אשמדאי· ווער זייט איר?

דיפאַ· מענטשן!

אשמדאי· ווער זיינען מיר?

דיפאַ· (קערט זיך אָפּ מיט פאַראַכטונג):
מענטשן! מענטשן!
איר זייט איר און מיר זיינען איר!

(אַלע גיבן זיך צו איר אַ לאָז· רייסנדיק זי ביים קלייד· דיפאַ גיט זיך אַ וואָרף אויף דר׳ערד· אַלע טרעטן זי מיט די פיס· דער פייער פון יענער זייט ווערט גרויס· די גאַנצע אונטערוועלט ווערט אין פלאַמען און שאָטנס פאַרמישט· עס הערן זיך ווידער בלעכן קלאַפּן· שטיינער האַקן· זאַמדאָנס מיט נעמה קומען אין אַ ווילדן טאַנץ· אַלע שליסן זיך צו זיי אָן· מע טאַנצט אַרום דעם מענטש· דער געזאַנג און דאָס טאַנצן פאַרגייען צוזאַמען מיט די פלאַמען און שאָטנס·)

אַלע· כחות זיינען מיר· די שטאַרקסטע פון דעם מענטש·
קינדער זיינען מיר פון אייביקן קאַמף פאַר שלעכטס·
יאָרן טויזנטער צענעמען מיר ווי שטרוי
און צינדן עס ווי פויל־האָלץ אָן אין וועלטס באַקרוינטן זיין·
כאַ—כאַ—כאַ—כאַ—כאַ—כאַ—כאַ—...
הו—הו—הו—הו—הו
אַ מענטשעלע· אַ וועלטעלע —
פאַר אונז אַשפּיי· אַ שפּיל!

(אַלץ ווערט אין טונקלקייט צעשוואומען· עס הערט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער דער פאַרקלונגענער געלעכטער· עס באַווייזט זיך אַ מלאך מיט אַ פייער־רייף אויפן קאָפּ· אַ פייער־שווערד אין האַנט)

מלאך· זאָל רואיק זיין אין פינסטערער נאַכט·
עס איז באַגינען שוין ניט ווייט!

(ס׳ווערט שטיל)

III.

גרויִ שוואַרץ·

גרוי׳ שוואַרץ׳

(פיר ווייס און ברייט הייבן זיך פון אַלע פיר זייטן אַרויף און וואַנדערן מיט פאַרלאָשענע פאַקעלן ביז אין דער מיט׳ די פאַקעלן צינדן זיך אָן מיט אַ מאַט־בלויען פלאַם און שטעלן זיך צוריק אין דער ווייט און ברייט׳ עס בלייבט מיטן מאַט־בלויען ליכט באַלויכטן דאָס זעלביקע פעלד׳ אַלץ צוריק ווי אין אָנהייב׳ אַלץ איז שטיל׳ די דאָרפישע הייזלעך זעען זיך קוים׳ קוים אַרויס׳ אין דער מיט אויף אַ גרינער׳ ערד־בייט ליגט די ערד׳ אויף אַ הויכן בלומען־שטול מיט אַ טראָן צו־קאָפנס׳ דער צו־קאָפנס איז פון אַלע פאַרביקע ליכט באַשטראַלט׳ זיצט דער פרילנג׳ אָן אַזייט שטייט דער גלויבן׳ לעבן אַ ווייסן בעקן מיט גאָלדענע פלאַמען שטייט יוגנט׳ אויפן בערגל זיצט קראַפט׳ ווען די פאַקעלן באַלייכטן׳ הייבט קראַפט אָן פאַמעלעך צו שפילן׳ אַ ווינטל נעמט זיך באַוועגן׳ אַלץ הייבט אָן צו אָטעמען׳ די קלאַנגען זיינען שטיל׳ רירנדיק׳ וועקנדיק׳ פון אויבן לאָזט זיך ווידער אַראָפּ לאָרבער־קראַנץ׳ פון איין זייט שוועבט אָן די האָפענונג און טאַנצט אַרום לאָרבער־קראַנץ׳ איר טאַנצן איז טרוימען־פריידן׳ עס עפנט זיך אַ הייל און פאַמעלעך שטייגט אַרויס די אייביקייט׳ דאָס ווינטל נעמט בלאָזן שטאַרקער׳ דאַן שטילער און שטילער׳ דאָס שפילן הערט פאַמעלעך אויף׳ עס דאַכט זיך׳ אַז עפעס אַ שטילער געזשום פון מעלאָדיעס איז צעשפרייט אין דער ווייט־און־ברייט׳ די האָפענונג בלייבט שטיין)׳

ערד׳ אַן אייביקער ווערן פון גאָר־ניט:
אין אייביקער פון אומענדליכקייט —
מיליאָנען מיליאַרדענע שטויבן
מיט קופער׳ מיט אייזן׳
מיט קוילן׳ מיט שטיינער׳
מיט פלאַם און מיט פייער צוזאַמענגעפרעסט איז מיין זיין;
מיט לעבן אויף זיך׳
מיט טויט אין מיין איך׳
מיט אייביקן ליכט אַרום מיר׳
אַ טרייסל׳ אַ ריס איז גענוג אויף צו שאַפן
אַן אָנהייב פון זיין׳

קראַפט׳ די ווייטקייט פון הימל און ערד
טייל איך אָפּ
אין פוסטקייט׳ וואָס האַלט אויף די ערד...

דער כח· וואָס פעסטיקט די פלאַמען
פון זון
און לאָזט זיי ניט פאַלן אַ וואו·
דער פייער פון בליץ·
פון דונער דער ברום·
אין לעבן· וואָס לעבט·
פון שטאַרבן דער טויט· —
דאָס זיין אין אַ זיין —
איז מיין זיין·

אייביקייט· איך דריי זיך מיט אַזוי אין טיפעניש פון וועלט·
יעדער הימל־שטערן ווערט דורך מיר געציילט
און דורכגעמאָסטן יעדנס טיף און גרויס
די זון־מיט· וואָס איר פלאַם איז אָנגעפילט
און וויפיל גרעסער איז זי פון דער ערד·
יעדער גרענעץ שטעלט דורך מיר זיך איין·
גיין און קומען איז דער אָטעם מיין·
און די חדשים· וואָכן· יאָרן· טעג
וואָלטן דען געווען· איך זאָל ניט זיין
און זאָל דעם וועלטן־ראָד ניט אומדרייען?

(אַ דונער· עס צעשפרייט זיך אַ ווייסער פלאַם· פון פלאַם קומט אַרויס אַ קינד מיט פליגעלעך פון ווייס· ראָזי· גרין· בלוי און בלייבט שטיין לעבן דער ערד)

דאָס נייע יאָר· פריש און יונג און שיין בין איך·
מיט ליכט און דופטן בין איך פול!
מיין פנים איז דעם הימלס ליכט·
און מיינע פיס — פון ערד די קרוין·
און קוש איך בלומען־ליפן אָן·
וועבט די וועלט חלומות איין
פון שטערבלעכע אומשטערבלעכקייט·
פון קורצינקער אומענדלעכקייט...
דורך די היצן פון מיין לייב
זאַפטיקט זיך דאָס אויבסטן־פלייש·
פרוכטיקט זיך דאָס בליטן־פרוכט...
כ׳טייל די וועלט מיט שטאַרקייט אָן...

בלאַט און גרעזל הערג איך אָפּ
און שיט אויף זיי אַ דעק פון קעלט —
איך בין אַ שליסל פאַר דעם גאַנג פון וועלט·

(עס הייבט אָן ווידער בלאָזן אַ ווינט· עס קומען אַלע חדשים· שטעלן זיך אַרום נייעם יאָר· האָפענונג הויבט אָן צו טאַנצן אַרום לאָרבער־קראַנץ·)

האָפענונג· אַ פונק בין איך אין יעדנס אויג·
אַ פלאַם בין איך אין יעדנס קאָפּ·
אַ טרייסט בין אין יעדער האַרץ·
אַ וועלט בין איך פאַר יעדנס טראָט —
כ״בין אייביקער טאָג· כ״בין אייביקער גלאַנץ·

(אין דער צייט פון איר טאַנצן קומען אָן: באַגינען· מאָרגן· טאָג· פאַרנאַכט און נאַכט· הינטער זיי קומען אָנגעשפרונגען פייעס פון אַלערליי פאַרבן און שפינען אַרום אַלעמען אַ טאַנץ· האָפענונג בלייבט שטיין·)

די פייעס· ווען די בלויע נאַכט
האָט זיך פאַרטראַכט
און זיך צעצויגן איבער וואַלד און פעלד·
און קוים וואָס האָט אַ ווינטל זיך באַוועגט·
אַ פערלמוטערנע לבנה אין דער הויך באַזעצט· —
האָט זיך אונדז אַ טאַנץ פאַרוועלט·
צו הערן וואָס די ביימער זשומען שטיל
און ביי אַ בלימל אויספרעגן זיין טרוים·
עס האָט אַ פליערל פון בוים אונדז קומענדיק געהערט
און האָט צעגאָרגלט זיך אין לופט אַריין·
אַ צווייטע אויפגעוועקט·
עס האָט צעזונגען זיך דער גאַנצער וואַלד!
מיר האָבן האַלטנדיק פאַר הענט געטאַנצט
און האָבן אָפּט פאַרטשעפּעט האָר אָן צווייג·
די באָרוועס פיס אונדז נאַס געמאַכט פון טוי·
און פלוצלונג זעען מיר אַ הויכן באַרג —
מיר שפרייטן אויס די הענט
און שוועבן אין דער הייך (אַלע פייעס רינגלען אַרום דיפאַן)...
אַ שלאָפנדיקער מענטש!
מיד און בלייך (עס ווערט אַ טומל)

אײבֿיקײט· װעקט עס אױף!
עס איז אַ מענטשן־קינד·

גלױבן· זאָל זי רײדן· װער און װאָס זי איז·

(פֿײעס װעקן זי· זי רירט זיך ניט· די ערד לײגט איר אונטער אַ בלאַט אונטערן קאָפּ· עס װערט שטיל·)

ערד· אין בֿלײערנעם טרױער
ליגט מענטש דאָ פֿאַרזונקען
דורך נאַכטישע װעלטן·
דורך טױט־שװאַרצע צײטן·
און האָט מער קײן כּח
באַװעגן די גלידער·
און הערט ניט די שטימע פֿון יונגן באַגינען·
לאָזט איר דערפֿילן·
לאָזט איר דערמאָנען·
לאָזט איר דערקענען אַ װעלט· װעלכע שטאַרבט ניט·

(קראַפּט נעמט שפּילן און עס דאַכט זיך· אַז פֿון אַלע זײטן הערן זיך קלאַנגען· אַלע זינגען· עס זײנען אומעטיקע· אָבער װעקנדיקע קלאַנגען)·

אַלע· ליכט — פֿון ליכט צו ליכט·
גליק — פֿון גליק צו גליק·
אײבֿיק זײנען מיר פֿאַר זײן באַשטעלט·
אײבֿיק זײנען מיר פֿאַר פֿרײד אין װעלט··
ליכט — פֿון ליכט צו ליכט!

(דיפּאַ הײבט זיך פּאַמעלעך אױף מיט האַלב אָפֿענע אױגן· װי אין אַ חלום· גײט װי אַ פֿאַרבלאָנדזשעטע און רעדט שװאַך· זיך אָנשפּאַרנדיק אָן אַ בױם·)

דיפּאַ· װי אומעטיק — גוט איז צו זוכן דעם װעג·
װען מען װײסט נישט װאוהין···

(די מוזיק נעמט שפּילן העכער און לעבעדיקער· עס נעמט װײען אַ װינט· עס דונערט· ראָזע שטראַלן נעמען זיך װיקלען· עס לאָזן זיך הערן װי פֿאַרשטיקטע געלעכטערס· דיפּאַ טוט אַ געשרײ· רײסט אױף די אױגן)·

דיפּאַ· װאו בין איך?

אײבֿיקײט· עס װעט דײן פֿרעגן ניט באַענטפֿערט זײן·
נאָר ענטפֿער· װאָס מען פֿרעגט בײ דיר·

דיפּאַ· (װײנענדיק):
איך··· איך··· איך בין אַ מענטשן־קינד·
פֿאַרפֿאָלגט אױף װעגן פֿון אַ שרעקלעך
מערדערישער צײט!
געטריבן דורך דער װײט־און־בֿרײט
אין עלנד· נױט און פּײן·
פֿאַרלאָזן פֿון די אַל· װאָס הײסן מײן·

גלױבן· װי קומסטו אױף אַ פֿעלד אַלײן אין נאַכט
פֿון דונערן און שרעק?
בֿיזט געװיס אַראָפּ פֿון גראַדן װעג···

דיפּאַ· װער בּיסטו· װאָס דו רעדסט צו מיר אַזױ?

גלױבן· דײן פֿירער אױף דעם װעג צו רו·
די שײן אין דיר· װאָס ליכטיקט אױס דײן איך·
דען װאָס איז גאָר דײן גאַנצער מענטש?
אַ שאָטן· װאָס ער װאַרפֿט זיך הין און הער·
צעגײט· צעפֿאַלט···

דיפּאַ· (פֿאַרמאַכט זיך די אױערן):
נײן! נײן!
דו קענסט געװיס ניט איצט די שװערע צײט·
דעם נײעם מענטשן־דור·
װאָס איז מיט אָדערן פֿון זון באַװעבט·
נאָר אײנגעזאַפּט מיט פֿינסטערניש פֿון װעלט;
אָנגעטרײנקט מיט בֿלאַסן הונגער־פּײן·
מיט קאַלטע אױגן עפּעס װאו פֿאַרקלערט·
די בֿלאַסע ליפּן ציטערן פֿון דורשט·
אין האַנט אַ שװערד פֿון בלאַנקן שטאָל·
אַ טױטן קינד געדריקט צום בֿרוסט —
עס שלאָגט זיך אום אַ װעלט און װעלט!
פֿײער· װאַסער· בלוט· און צערנדיקע קרײנק —
עס װײס קײן מוטער· פֿאָטער· שװעסטער· בֿרודער
אײנער פֿון דעם צװײט
און װעלט פֿון װעלט פֿאַרשטעלט· דורך הערצער גיפֿטיקע
פֿאַרצאַמט·
דורך יאָרן· גרױ און רױט װי אָפּגעצערטע קעץ·

דורך שעה׳ן׳ שלאַנגען־גרין׳ מיט אויגן טויזנטער באַזעצט.
און הינטער מיר לויפט נאָך אַ צייט,
וואָס טריפט מיט גאַל.

יוגנט. שטאַרק נאָר מוסטו זיין,
דעם נאָמען יונג פאַרשטיין!
ניטאָ קיין לייד, וואָס יוגנט שטייט ניט ביי.
זי איז אין וועלט דעם שטורעמס ברומעריי,
וואָס ווערט פאַרטויבט נאָר דאַן, ווען די נאַטור
רופט עס צוריק.

דיפאַ. (ווערט פלוצלונג געענדערט):
יאָ, יונג בין איך!
און ווי איך ליב דיך, יונגט, גאָלדנער טרוים!
אין מיינע שוואַכע גלידער ליגסטו אויסגעזייט
ווי יונגע שפראָצונג אויף אַ פרישן פעלד,
וואָס ווייזט דער גאַנצער וועלט,
ווי פיל און גרויס עס וועט נאָך אויסוואַקסן אַמאָל.

(יוגנט וואַרפט דעם שלאַנג אין בעקן. עס נעמט דונערן און בליצן. אַלץ הייבט אָן שטאַרק אָטעמען. פון בעקן שפרינגט אַרויס די ליבע.)

ליבע. וואָס איז הייסער, ווי דאָס ליבע־האַרץ?
וואָס איז שטאַרקער, ווי פאַרלאַנג אין דעם?
דאָס ליכט פון לעבן ליגט אין ליבעס הענט,
זי איז דער גלאַנץ פון מענטשנס זיין!

יוגנט. יוגנט וועקט די ליבע אויף!

ליבע. ליבעס ליידן, ליבעס פריידן
איז דעם מענטשנס שענסטער טרוים!

דיפאַ. (קערט זיך אָפּ, טוט אַ געשריי)
אָ, דיינע פלאַמען לעשן זיך
דורך שוואַרצע שאָטן־פינגערס, וואָס זיי האַלטן דיך;
דיין שטאַרקייט ווערט פאַרשוואַכט
דורך טראָפּנס גיפטיקע, וואָס גיסט אין דיר די צייט;

דיין קלאַנג צערינט אין לאַכן שפּאָטישן
ביסט איצט ניט מער ווי שפּיל
פון שאָטן־ליכט.

גלויבן. דו ביסט ניט אויף קיין גראַדן וועג.
וואו איז דיין גאָט, וואָס האָט אויף וועגן דיך געפירט?

דיפאַ. ניין! איך קען ניט מער!
כ׳געדענק אַ בילד נאָך פון מיין קינדער־צייט:
עס איז פאַרנאַכט געווען,
אַ ווייַנענדיקע, אויסגעגרויטע לופט,
און קוים צו הערן האָבן שויבן זיך גענעצט,
ווי טרערעלעך, ווי שפּילקע־קעפּלעך איינגעזוצט.
און שטיל און אומעטיק איז עס אין שטוב געווען;
אַ קראַנקע מוטער איז אין בעט געלעגן,
מיט שטילע קרעכצן אָנגעפילט די לופט.
אַ הענגעדיקער לעמפּל האָט געברענט
און אַלץ אין שאָטנס איינגעהילט.
איך האָב ביים פענסטער אין אַ ווינקל זיך פאַררוקט,
ווי שווער האָט זיך מיין האַרץ פאַר גאָט צעוויינט —
און קיינמאָל האָט ניט גאָט
מיין קלענסטן וואונטש דערפילט...

(דיפאַ וויינט. פלוצלונג הערט זיך אין די קלאַנגען אַ פאַרשטיקטער געלעכטער.
דיפאַ טוט אַ געשריי.)

דיפאַ. אייער שרעקלעכקייט דערשרעקט מיך נישט!
וואָס ווילט איר דען פון מיר?

פרילינג. אין פרילינגס־צייט
ווער קען פאַרטרויערט זיין?
ווען יעדער ווערעמל ווערט יום־טובדיק באַנייט,
און אַלץ, וואָס צאַפּלט,
ווי אַ מילב די גרויס,
ווערט מיט לעבן פול,
פון שמעקעדיקער פרייד.

דיפאַ. (הייבט אויף די הענט)
אָ! דו גרינער גליק פון ערד און מענטש,
זיי געבענשט דו, שמייכלענדיקער טרוימער?
דיין זיין איז גרינער, שוימענדיקער ווייך,
וואָס שכורט יעדן אָן
און שוואַכט אָפּ יעדע לייד,
וויי שטאַרק זי זאָל ניט זיין.
דו אייביק שטראַלנדיק און פאַרביק קינד,
וואָס טוט זיך אויף די וועלטן אָן
פון הויך ביז נידער!
דורך יעדער שמאָלן ערד־שפּאַלט קריכסטו דורך,
אויף יעדער גרויסער ערד־טייל זעט מען דיך,
יעדער פילט דיך אין דער טיפעניש פון זיך
און ווערט אַ שטיק פון דיר!
דיין הויך איז בלויע לופטן־מילך,
דיין אויג איז ראָזע וואַרמע ליכט,
דיין קלייד איז גרין־און־דופטיק־פוך,
דיין שלאָף איז בלאַסער זילבער־גלאַנץ,
דיין טרוים איז גאָלדנער פאָמעראַנצן־דופט
אָ, גרינע פרייד!
אויך דו פאַרגייסט...

(קראַפּט נעמט שפּילן. די פייעס הייבן אָן טאַנצן ווילד.)

דיפאַ. (צו קראַפּט): און ווער ביסטו, דו גרויסער, מעכטיקער גוף?
פאַרפּאַנצערט און פאַרשנירט אין אייזן, שטאָל,
דעם גאַנצן ערד־קנויל קענסטו נעמען
אויף דיין קאָפּ
און אומטראָגן דורך ניט־זיין פון דער וועלט.
דו הויכסט מיט שטאָל,
מען פילט דיך, ווען דו קוקסט נאָר אָן.

(זי בלייבט אַ ווײַלע שטיל. די לופט ווערט אַ ביסל קלערער. די שטראַלן ראָזער. דיפאַ הייבט זיך פלוצלונג אויף ווי פון שלאָף).

טאָג. אַ בלויען פאַקל טראָג איך פאַר דער וועלט,
און היל זי צערטלעך אין די פאַלבן פון מיין קלייד,

און קראַנץ זי אום מיט ראָזע זונען־ליכט,
און טרינק אַריין דעם זילבער־ערדן־טוי,
און קלאָר זי אויס פון יעדן שאָטנדל.
איך קוש אויף בלימלעך, בלעטלעך, גרעזלעך...
און לאָז צעשווימען ווייט דעם אויסגוס פון דער גאָלדנער זון,
און פיל די וועלטן אָן מיט פייפן, רוישן, ברומען,
איך קיל מיט ווינטל אָפּ די הייסקייט פון איר לייב,
און לאָז פאַרבלאַסן שטיל צוריק דעם זונען־פייער,
איך שיק אַ זילבער־טוי אויף פעלד און וואַלד אַרויף
און טו מיט שאָטנס אָן דעם גרויסן וועלטן־לייב
און לאָז די פרעשלעך אַלע זיך אין לופט צעשרייען,

(דער טאַנץ גייט ווייטער. ער ווערט אַלץ ווילדער. שטיקער בליצן פליען אַרום. דאָס שפּילן איז שטאַרקער.)

דיפאַ. און איר, איר אַלע ליכטיק פאַרבן דאָ,
ווער זיינט איר נאָר?
און וואו בין איך? (זי קוקט ווי האָפענונג טאַנצט)
אָ זאָג, דו גאָלדן־טאַנצנדיקע שיין,
וואָס שוועבט אַרום,
ווי טרוים,
וואָס יעדער וואַנדלט נאָך דיין ליכט
אַריבער טרויער, שמערץ און טויט
דורך בראַנד, דורך רויך,
דורך ים, דורך ערד —
און אויף די פלייצעס אָנגעזעצטע יאָרן,
אין די אויגן פול מיט שעהן, וואָס פאַרפליען,
און אין די האָר די גרויע אייביקייטן,
און הינטער רוקן קומט דער טויט געריטן....
(צו דער ערד) און ווער ביסטו, דו גרויסער פרוכטיק גוף,
וואָס טראָגט אויף זיך דעם וועלטנלאַסט
און שפּייזט אַ ווערעמל מיט זאַפט?
אָ ווי ליב איך האָב דיך, שיינע ערד!
דו זאַפּסט איין מיין אַ טרער
און הויכסט מיר איין אַ פרייד.

אונ סיי אין פרייד, און סיי אין לייד,
ווען איך קום אויף דיינס אַ פעלד
און זע די שעפעלעך, וואָס קייען פון דיין שפייז
און ליגן מיט די בייכער צו דיין שויס
און קוקן אָן דיך,
ווי די קינדער, ווען אַ מוטער זינגט זיי וואָס, —
איך וואַרף מיך, ווי די שאָף אויף דיר אַרויף
און מיר ווערט אַזוי גוט:
פאַר גוטסקייט וויינט זיך מיר מיט טרערן אויס,
די אויגן מאַך איך צו
און שמעק דעם דופט פון דיר
(זי דערהערט אַ פאַרשטיקטן געלעכטער און הויבט אָן צו שרייען)
איך בין אַ מענטש! אַ מענטש בין איך!
וואָס ווילט איר דען פון מיר?

שטימע. דער לאָרבער־קראַנץ, אָ וועלטן קינד,
איז דיר!

(אַלע לאָזן אַרויס אַ געשריי פון שרעק. נאָר האָפענונג הייבט אָן שוועבן אין דער הויך צום לאָרבער־קראַנץ. פון לאָרבער־קראַנץ הייבן זיך פלוצלונג אָן שפרייטן פלאַמען. עס ווערט אַ שטורם. אַלץ דרייט זיך אַרום דער ערד. דיפאַ גייט ווי אין אַ חלום מיט האַלב־אָפענע אויגן און רעדט צו דער ערד.)

דיפאַ. אָ שיינע ערד!
דיין זיין האָט וועלט פאַר וועלט געמאַכט,
דיין זיין האָט אַלץ, וואָס לעבט, געבראַכט,
דיין זיין איז טרויער, שמערצן, ליכט און פריידן,
איין פרילינג־נאַכט מיט דיר פאַראיינט
איז מער ווערט, ווי א גאַנצער נישטיק לעבן.
און ווען אַ טויט לעשט אויס דעם לעבנס־פלאַם
און לאָזט דעם גוף אין טיפער ערד פאַרזינקען,
בלי איך אויף צוריק אַ בוים פון גרוב —
און וועל אַ פרייד
פאַר וועלטן אייביק רוישן.

(עס הערט זיך אין געדריי אַ שטאַרקער געלעכטער. דיפאַ פאַלט אויף דער ערד. די פיר וייט־און־בריט לאָזן נידעריקער אַראָפּ די פאַקעלן. קראַפּט שפילט

שטילער און שטילער. אַלץ ווערט אומבאַוועגלעך. עס נעמען זיך מישן ליכט מיט שאָטנס. ווי פון דער ערד שפרינגט ארויס די צייט מיט אַ ווילדן געלעכטער און גיט אַ וואָרף אַ טויטן קינד פאַר אַ הענטל מיט אַ פיסל לעבן מענטש און ערד. דער געלעכטער מישט זיך אויס מיט געלעכטער פון אונטערוועלט.)

צייט. ווער וויל שטאַרקער זיין, ווי איך?
מיינע איז די גאַנצע וועלט!
איך בין צייט, איך בין מענטש
איך בין קיסר, איך בין קנעכט!
איך לאַך, איך וויין,
איך בוי, איך ברעך!
אַ מענטש, אַ וועלט? פאַר מיר אַ לאַך!
האַ־האַ־האַ־האַ־האַ־!
הי־הי־הי־הי־הי־!
אַ מענטשעלע, אַ וועלטעלע —
פאַר אונדז אַ שפיי, אַ שפיל! —

(עס ווערט טונקלער און שטילער. דער געלעכטער פאַרקלינגט.)

IV.

בלוי, ראזי

בלוי. ראָזי.

(ווידער דאָס זעלביקע פעלד. פון איין זייט רויטע מאָרגן־שטראַלן. אויף דער אַנדער זייט די פאַרגייענדיקע לבנה. אַלע ליגן אויפן פעלד און שלאָפן. דיפאַ זיצט אָנגעשפאַרט אָן בוים. פאַרזונקען אין געדאַנקען. אַ גרויער טוי ליגט אויפן גאַנצן פעלד. פויגעלעך זינגען. אַ קוקוק רופט. פון ווייט הערט זיך אַ האָן קרייען און דער האָרן פון אַ פאַסטוך. ווען ניט ווען ברומט אַ קוי מעקעט אַ ציגעלע. דיפאַ הייבט זיך פאַמעלעך אויף און שטעלט זיך אַקעגן דער פאַרגייענדיקער לבנה.)

דיפאַ. דו געמסט מיט זיך, פאַרגייענדיקע נאַכט,
אַל מיינע קריסטאָלענע חלומות,
פאַרטראָגסט זיי אין דיין וואַנדערן צו יענע שטערן זילבערנע...
זאָלן מיינע חלומות אין זייער שיין זיך אָפּשפיגלען!
זאָל ווידער אויפלעבן מיין פאַרגייענדיקער איך,
דען מיט אייך, קריסטאָלענע בלאַסקייט,
שטאַרבט אָפּ מיין פאַרחלומט זיין...
(זי שטעלט זיך אַנטקעגן די רויטע מאָרגן־שטראַלן)
כ״ווער אין יעדער קומענדיקן היינט
באַשאַפן פון דאָס ניי
מיט די פרישע קוואַלן פון נייעם אויפבליענדיקן לעבן!
איך פאַנצער אַרום מיין ערשט געבאָרענע נשמה
מיט שטאָלענע, גאָלדענע זון־שטראַלן.
פון נייעם הייבט זיך אָן מיין לעבן,
פון נייעם ווער איך ווידער מענטש,
פון נייעם צעבליט זיך מיין יוגנט,
פון נייעם דערפיל איך די וואַרעמע פרייד
צו דער ערד (זי שפרייט אויס די הענט).
איי! הימל! ערד! ווייט־און־ברייט!
לאָמיר זיך איינדרייען אין איין גרויסן גרינעם
פאַרגאָלדעטן קנויל
און צוזאַמען אויסלעבן אונזער
טאָגיקע אייביקייט!

(זי בלייבט אַ ווײַלע שטיין און פאַרקלערט זיך, קוקנדיק אויף די שלאָפנדיקע)

שלאָפט נאָר, איר מענטשן פון האַס און פּיין,
פאַר אײַך איז די נאַכט אַזוי רואיק געווען,
איין רואיקע נאַכט נאָך פיל שרעקיקע נעכט
פון ליגן אין קעלערס באַהאַלטענערהייט,
אָן וואַסער, אָן ברויט.
אָ, דו גרויסע, פינסטערע, בלוטיקע צייט!
דיך זע איך זיך שטארקן פון טאָג צו טאָג,
פאַרטיליגסט פאַרטומלסט די וועלט,
די מענטשן פון דער ערד,
און קיינער פאַרשטייט ניט דיין זין...
צי ביסטו די ענד פון וועלטישן זיין?
ווער קען דיך פאַרשטיין?....
שלאָפט מיט אייער מידן, צעטומלט־פאַרטריקנטן מאַרך!
און ווי שוואַך,
אויף צו קענען מיט שטאַרקייט זיך שטאַרקן
אויף בעסערע צייטן!
צי מוזן מיר אַלע אין בלוטיקע וועלטן פאַרגיין?
אָ, ניין!
שטאַרק וויל איך זיין!
כ׳וועל עסן די ערד,
כ׳וועל טרינקען דעם ווינט!
ניין! ניין! שטאַרבן וויל איך ניט!

(זי לויפט אַוועק. דאָס פעלד בלייבט מיט די שלאָפנדיקע. די לופט ווערט קלערער און קלערער. עס זעען זיך ווידער די דאָרפישע הייזלעך. די זון קומט ברייטער אַרויס. פון די דאָרפישע הייזלעך זעען זיך פויערים. ווער עס עפנט לאָדנס, ווער עס וואַשט זיך אין הילצערנע מולטערס נעבן די הייזלעך. אַנדערע גייען דורך דאָס פעלד מיט אַרבעט־געצייג אויף די פלייצעס. אַנ־דערע זינגען. עס קומט צו לויפן אַ פויערטע, פאַרקאַשערט דאָס קליידל אין גאַרטל, בלאָנדע צעפּ איבער די פלייצעס, באָרוועס.)

די פויערטע. (רופט די ציג).

ציבאַ! ציבאַ! ציבאַ! (זי דרייט זיך אַרום אין פעלד און לויפט פאַרביי).

(אַלע גיבן זיך אַ כאַפּ. סימאָן הייבט זיך האַסטיק אויף און נעמט פוצן זיין רעקל. אַלעק צעציט זיך ברייט אויפן גראָז. זשעניע זעצט זיך פאַרשלאָ־פענערהייט און רייבט זיך די אויגן פון די זון־שטראַלן. האַנע זיצט אומעטיק און ברוגזלעך.)

סימאָן. וואָס איז דאָס? שוין אַ נאַכט אַוועק? (ער קוקט זיך אַרום).
אַ גרינע ערד,
אַ בלויע לופט,
אַ ראָזער הימל — און גיי קריג זיך מיט וועמען! (אַלע לאַכן)

אַלעק. אַ נייער טאָג — אַ נייער קריג.

האַנע. (לאַכט) אונדז דינט די שטילע נאַכט.

זשעניע. (לאַכט פרעך): אונדז דינט דאָס יונגע בלוט!
(קיינער באַמערקט ניט, אַז דיפּאַ איז ניטאָ)

אַלעק. האָ־האָ; אַ טאָג אַ וועק!
ווער ווייסט צי לעבט מען נאָך ביי אונדז?

סימאָן. ביי אונדז איז אַלצדינג גאַנץ!

האַנע. (בייז). ביי אונדז! דאָס ווייס איך ניט!

זשעניע. איך האָב דאָ קיינעם ניט!

סימאָן. (ווילד): מיר האָט געחלומט זיך אַ שוואַרצע נאַכט,
אַ ווילדער קריג,
אַ רויטער פלאַם,
אַ פלאָנטער פון מיש־מאַש —
און איך אין מיט
מיט פלאַמענדיקן שווערד,
און קלאַפּ אַהין, אַהער,
און ווייס אַליין ניט וועמען,
און פלוצלונג לייכט אַ פנים מיר אַרויס,
מיט אויגן אומעטיק און גרויס,
דער פנים ווייס ווי שניי,
און קוקט צו מיר אַזוי, ווי איינער זאָגט:
„דערהרגע ניט!"
און אונדז אַרום אַ שוואַרצע שרייענדיקע ראָד.

איך האַק אָפּ קעפּ
און נאָר געלעכטער קלינגט אָפּ אין דער נאַכט·
און אָט דער פּנים לייכט···
און פּלוצלונג כאַפּ איך אים
און פיל: איך האָב אים ליב·
שטאַרק!
איך בייס די ציינער אין זיין פלייש אַריין·
ער פאַלט·
עס טאָגט·
נאָר טויט די וועלט·
און איינע הייבט זיך איבער אַלעמען אַרויס·
צעביסן שטיקער פלייש·
און טרעפט· ווער ס׳איז געווען?

(אין דער צייט· ווען סימאָן רעדט· קוקן אים אַלע באַגייסטערט אָן· אַלע לאַכן)

אַלעקי· כאָ! כאָ! כאָ! דאָס איז דער קריג פון אונדזער צייט·
וואָס קיינער ווייס ניט· וואָס ער וויל (ער שפּרינגט אויף)·
און גוט איז עס
אין פינסטערניש צו נעמען· וואָס מען קען
און פילן זיך באַוואוסט· אַז יעדער טוט אַזוי·
סיי ווי סיי·
אַ טאָג צי צוויי —
דאָס שטאַרקע וועט מיט שוואַכערע פאַרגיין·

(זשעניע גיט זיך אַ הייב און אַ שפּרונג ווי אַ קאַץ אויף סימאָנען)

זשעניע· און אויב עס האָט אַ שטורעם זיך געדרייט
און האָט געריסן שטיקערווייז פון דיר·
דאַן איז דער פּנים מיינער דאָס געווען!

אַלעקי· (שפּאָטיש): איז דיין פּנים בלייך און שטיל?

האַנע· (שפּאָטיש): און פאַרטרוימט? און פאַרליבט?

זשעניע· (זי גיט זיך אַ כאַפּ אויף סימאָנס האַלדז):
אַך· ווי שיין!
ווי זומער־פויגלען פריי

זיך לאָזן שפּרינגען אָט אַזוי
פון דעם צו דעם!
(מיט כעס) די בלייכקייט איז אַ שפּיי ניט ווערט!

אַלעקי· (גיט אַ ריס זשעניען פון סימאָנען· זשעניע שרייט אים אַריין אין פּנים)

זשעניע· העלד! געפעלט דיר ניט?

סימאָן· (לאַכט)

האַנע· (מיט פאַראַכטונג· שפּרינגט אויף):
ס׳איז מער ניט אַ פלאָנטער פון שאָטן און ליכט·
אַ טומלדיק־פינסטערע ראָד איז די צייט·
און ווער קען פאַרשטיין·
צי ס׳איז גרויסקייט פאַראַן·
צי וואָס גרויס וועט פאַרגיין?···
און דאַכט זיך· ס׳וועט אַנדערש ניט זיין!
צי מיינסטו· אַז ליבע וועט בלייבן?
האַ! האַ! האַ!
(שטרענג און בייז): וועמענס פּנים האָט פאַר דיר געלייכט?

סימאָן· (ווילד); נו שלאָגט איר אַלע זיך אומזיסט אַרום:
ס׳ איז ניט דו· ניט דו···

(ס׳הערט זיך אַ געזאַנג· וועלכער קומט פון ווייט· דיפאַ זעט זיך קומענדיק· די שיך אויף די פלייצעס· דאָס קלייד נאַס· אַ קראַנץ בלומען אויפן קאָפּ)·

האַנע· (מיט פאַראַכטונג):
דער קליינער מענטש···

(אַלע צעלאַכן זיך· סימאָן קוקט אויף דיפאַן פאַרוואונדערט· האַנע נעמט קוקן
בייזערהייט פון סימאָנען צו דיפאַן· פון דיפאַן צו סימאָנען·)

דיפאַ· איי! איך בין דאָ!
כ׳האָב מיין נאָמען רופנדיק געהערט·
און אָפּגעענטפערט האָט די ווייט און ברייט;
מיין נאָמען אויפגעכאַפּט האָט הימל· ערד·
און זיך פאַרטיילט· ווי שוואַלבן צוויי
מיט גרינעם בלאַט·

און הימל־ערד מיך האָבן פון דאָסניי געשאַפן:
מיט כחות פון די גרויסע בערג,
מיט גיכקייט ווי דער פאַל פון בליץ,
מיט לייכטקייט ווי די שטרוי אין ווינט,
מיט יונגקייט ווי דער שמעטערלינג,
מיט שטילקייט ווי די בלום אָן ווינט,
מיט הייסקייט ווי די זאַמד אין זון,
מיט צאַרטקייט ווי אַ שוואַלבן־שלאָף.
און ערד האָט מיר אַ בלומען־קראַנץ געשענקט,
און זון האָט עס מיט זונען אָנגעהויכט,
כ'האָב מיין לייב אין קילן טייך געבאָדן
און האָב דעם נעכטן פון זיך אָפּגעשווײנקט,
איך האָב מיט שפּעלעך זיך דאָרט אין פעלד געיאָגט,
(זי דרייט זיך אַרום ווי אין אַ טאַנץ)
אָך, וואָס פאַר אַ שיינער טאָג!

(דיפּאַ דערזעט זיי אַלעמען, ווערט אומעטיק און בלייבט שטיין ביי אַ בוים.)

סימאָן. (קומט צו צו איר):
מאַכט זיך פאַרטיק אויף אַ היים צו גיין,
ווער ווייס, וואָס קען דער היינט אונדז ברענגען נאָך! (אַלע לאַכן)

אַלעק. עס וועט היינט זיין, וואָס איז געווען נעכטן,
דער מאָרגן קען זיך ריכטן אויף דעם שווערסטן פּלאָג.

זשעניע. (גיט זיך אַ וואָרף אויף סימאָנען):
זע! מיר איז קאַלט
פון פייכטן טוי געווען,
נאָר איצטער בין איך פריש אַזוי,
ווי אָט דאָס גראָז אין מאָרגן־לופט!
נעם מיך סימאָן שטאַרק אַרום
און גיב מיר זון,
זאָל אויפברויזן דער גרויסער טאָג אין מיר!

(האַנע דערלאַנגט איר אַ שטויס פון אים, אַ ווײַלע קוקן זיך ביידע ווילד אָן,
סימאָן לאַכט).

האַנע. (צו זשעניען): ווי שוים ביסטו נאָך רעגן אויף אַ טייך,
וואָס ווערט פון זון־אויפגאַנג צעשמאָלצן גלייך.

זשעניע. (שפּאָטיש): און דו? דו מיינסט, דער כח איז פון קינדער־אונטערגאַנג?
עס זאָל ניט מערן זיך די וועלט פאַר צייט?

האַנע. קריך ניט ווייטער אין מיין וועג,
איך האָב צוויי הענט מיט נעגל
פאַר דיין פליש גענוג!

אַלעק. (גיט אַ שלעפּ האַנען): האַנע, קום!
איך האָב דיך איצטער ליב.

סימאָן. האָ! האָ! האָ! ווי גוט!
נעמט צוזאַמען זיך אין ווילדער ראָד,
מיט הענט אין האָר —
און קרעלט זיך ביז צום בלוט אין פליש אַריין,
געפעלט איר מיר נאָך מער!

האַנע. (צו זשעניען) כ'האָב קיין מורא נישט,
פרעך ביסטו און פראָסט!

זשעניע. (דערלאַנגט אַ וואָרף האַנען פון אַלעקן):
דו אַלעק, ביסט מיין מאַן!
און סימאָנען האָב איך גאָר ליב,
איך קום צו אים די נאַכט:
עס בלייבט דאָס רעכט ביי דעם, וואָס האָט די קראַפט!

(דיפּאַ איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און זיי צוגעקוקט ווי אין חלום)

דיפּאַ. (שרייט): וואו געפין איך זיך?

(סימאָן גייט גוטמוטיק צו איר צו און נעמט זי אָן ביי דער האַנט)

סימאָן. זייט איר אַלץ אַזוי נאָך שטאַרק פאַרליבט?
איר זייט נאָך גאָר אַ קליין און נאַריש קינד,
און ווייסט נישט, אַז ארום איז אַזאַ שווערע צייט
פון הונגער, קריג...

(ער וויל זי אַרומנעמען)

אין גרונד איז ליבע נאָר אַ נאַרישקייט,
אַ שיינע שפּיל,
נאָר ווען עס ליבט זיך אייך —
טאָ ליבט!

דיפאַ. (שטויסט אים אָפּ):
אין טונקלקייט פאַרטאָן
ליגט אייער טראַכטן,
ווי שפּינוועבס שטויביקע
צעציט עס זיך דורך בלויער לופט,
און וויקלט אייך אַליין דערינען איין,
און ווערטער פליען ווי די מוקן זומערצייט,
וואָס שטעכן איין אין פלייש...
און פילן אָן די לופט פון ווילדער יאָגעריי.
אָך! ווען איך וואָלט, צייט, געקענט דיך גוט פאַרשטיין!

זשעני. (שפּאָטיש): וואָלסטו אַנדערש טאַקע גאָר געלעבט!

אַלעק. (שפּאָטיש): דאָס לעבן איז אַ שיינע קורצע שפּיל,
מען דאַרף פאַרשטיין נאָר ווי
צו נעמען זיך דאָס שענסטע פון דער שפּיל.
ניט טראַכטן נאָר אַ סך —
דו ניצט דאָס אויס
און וואַרפסט דאָס דאַן אַוועק.

סימאָן. (מיט כעס): נו, גענוג!
עס קומט נאָך איצט אַ פלאַמענדיקער טאָג!

(עס הערן זיך פלוצלונג פון ווייט ווי דונערן. אַלע ווערן ווי איבערגעביטן, דערשראָקן)

האַנע. (קוקט אויפן הימל): עס דונערט!

זשעניע. (קוקט אויפן הימל): עס דונערט?

אַלעק. (שרייט) ניין! מע שיסט! (עס ווערט אַ טומל).

סימאָן. נעמט צוזאַמען זיך דאָס ביסל גוטס
און קומט!

(די שיסערייען ווערן אַלץ שטאַרקער)

אַלעק. זאָל שוין זיין אַמאָל אַן ענד!
צי הין, צי הער;
זאָל אויפבליען, צי אונטערגיין די וועלט!
איך בין צופרידן וואַרפן זיך אין אונטערגאַנג.
(ער גיט זיך אַ וואָרף אויף האַנען): און דו מיט מיר!
(האַנע לאַכט ווילד אין זיינע אָרעמס)

זשעניע. (בייז צו אַלעקן) דיין שטאַרקייט שרעקט ניט אָפּ!
(האַנע הייבט אָן פלוצלונג צו ציטערן)

האַנע. נו, וואָס וועט זיין דערפון?
יעדער טאָג די גאַסן־שלאַכטן,
רויבערייען, שרעקלעכקייטן...

זשעניע. עך! וואָס רעדט מען דאָ אַ סך?
סיי ווי סיי דער טויט!
לאָמיר לעבן אַזוי לאַנג עס איז נאָך צייט!
היינט ביינאַכט קומט אַלע נאָר צו מיר צו גיין,
מיר וועלן אויפעסן, וואָס איז נאָך דאָ אין שטוב,
און וועלן לעבן ביז דעם קומענדיקן טאָג.

(זשעניע גיט זיך אַ וואָרף אויף אַלעקן. סימאָן כאַפּט אָן האַנעס האַנט.)

סימאָן. די גאַנצע וועלט גייט קאָפּ אַראָפּ,
און נעמען מוז מען אַלץ נאָר, וואָס מען קאָן.

(די שיסערייען קומען אַלץ נעענטער און נעענטער. דער הימל נעמט ווערן וואָלקנדיק. די פויערים, וואָס זיינען געווען אַוועקגעגאַנגען, קומען צו לויפן צוריק און לויפן צו די הייזלעך. פון די הייזלעך הערן זיך געשרייען. סימאָן לויפט צו די הייזלעך אַוועק.)

אַלעק. (שרייט נאָך): קום באַלד צוריק!

האַנע. (פאַרצווייפלט): וואוהין לויפט מען איצט?

אַלעק. צוריק אין שטאָט!

זשעניע. און דאָרטן וואָס וועט זיין?

דיפאַ. אַ שוואַרצער נעבל איז אין וועלט צעשפּרייט.
און אויגן בלישטשען פול מיט ברענענדיקן כּעס
ווי בלאַנקע קנעפּלעך אויף אַ גרויער דעק באַנייט.
און בלאַסע פינגערס טאַפּן נאָך די שטאַרבנדיקע שיין
אין לופט אַריין,
און פאַלן איינציקווייז אויף ערדן וואו אַוועק,
און עפּעס גייט ווער אום
אין כּונקעלן פאַרטיולט.
און בראָדזשעט, שפּריצנדיק דאָס רויטע בלוט.

(אַלע פויערים פון די הייזלעך קומען אויפן פעלד מיט פּעק, מיט זעק, אַלע שרייען, קינדער וויינען, מע פירט אַלטע, קאַליקעס. עס ווערט אַ טומל אויפן פעלד.)

זשעניע. (שרייט): עס קומט אַ גרויסער שרעקנדיקער טאָג!

סימאָן. אַהיים! אַהיים!

האַנע. ניין! ניין! אין שטאָט
וועט ערגער זיין!

אַלעק. טאָ וואָס גערעדט אַ סך?
דאָ איז קיין אָרט צו שטיין.

(סימאָן שפּרינגט צו צו דיפאַן, כאַפּט זי אויפן האַנט. דיפאַ ליגט אויף אים געחלשט.)

סימאָן. וואַסער ברענגט!

אַלעק. מען קען צום טייך ניט צו.

(מ׳לייגט דיפאַן אויפן גראָז. אַלע קומען צו. מ׳שטופּט זיך צו איר)

דיפאַ. (שוואַך): אויף דיר, דו ערדן־באַל,
וויג איך זיך אום,
דאָ לאָזסט זיך אָפּ,
דאָ הייבסט זיך אויף,
פון איין זייט טאָג,
פון איין זייט נאַכט,
די איינע שלאָפט
די צווייטע וואַכט.

און דאָך בין איך אַ ווערק,
באַשאַפן אפשר שוין זינט אָנהייב וועלט!
איך בלאָנדזשע דורך די אַלע צייטן אום,
און קען אייך ניט פאַרשטיין.

סימאָן. (שטעלט זיך אויף. פול שפּאָט און ווילד):
איי! געטער! וויפיל נאָר געפינען זיך פון אייך?
קלייבט צוזאַמען, יעדערער זיין פאָלק
און ציילט צוזאַמען וויפיל מענטשן יעדערער עס האָט
און קוקט אַראָפּ!
מיר זיינען פון דעם אויסדערוויילטן פאָלק,
מיר טאַנצן דורך די וועלטן אום
אַ בלוטיק פייערראָד.
(די איבעריקע לאַכן)

דיפאַ. לאָמיר אַלע אויף ערד זיך אויסלייגן
און קושן, שמעקנדיק איר דופט.
זי גיט אונז אַלצדינג פון איר גוף,
נאָר טיילן קען זי ניט,
זי לאָזט אונדז רוען, ווען אַ הימל נעמט
פון אונדז דאָס לעבן צו
און טוליעט איין אונדז אין איר ערדן־וואונד,
און לאָזט אַ וויינענדיקן דופט
אַריין אין לופט
און צו דעם הימל פליען (זי שפּרינגט אויף).
ערד! ערד!
מיט דיין בלויען מאָרגן־טיול,
באַצויגן אויף דיין גרין באַפּרילינגט קלייד,
מען טוט דיין שיינקייט אָן
מיט האַס, מיט בלוט, מיט טויט!

האַנע. (פול גיפט:) פאַרשאָלטענע ערד!

(עס ווערט אַ טומל. אַלע נעמען שרייען: „פייער! פייער"! פון די דאָרפישע הייזלעך זעט זיך אַ גרויסער פלאַם. דער פלאַם ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער, די קלעפּ נאָענטער און נאָענטער. אַלע שרייען און לויפן מיטן שטעגל צו דער שטאָט צו. אַנדערע בלייבן אויפן פעלד. דיפאַ שטייט מיט אויפגעריסענע אויגן).

סימאָן. (גיט זי אַריס):

איר האָט מיך ליב?
קומט מיט מיר!
סיי ווי סיי דאָס לעבן קורץ:
אַמאָל קען זיין, איך האָב
אייך טאַקע ליב.

(זשעניע, האַנע, אַלעק לאָזן אַרויס אַ געלעכטער. דעם געלעכטער ווידערקולט די גאַנצע אונטער־וועלט. אַלץ ווערט צונויפגעמישט אין איינעם: קלעפּ, געשרייען, געוויינען, לאַכן. דער פלאַם ציט זיך צום וואַלד. עס נעמען זיך מישן פאַרבן: בלויע, גרויע, געשטאַלטן פון סאָלדאַטן, שפּרינגענדיקע שדים, טאַנצנדיקע פייעס. עס ווערט טונקעלער און טונקעלער. אַלע לויפן.)

דיפּאַ. (אין טומל און שרעק):

אָ! אַ שוואַכער כח שטייגט אויף מיר אין די גלידער
און ציט זיך, הייבט זיך מיר צום קאָפּ אַרויף.
איך וואַקס! איך וואַקס אַריבער אַלע וועלטן!!
איך בין פון שטאָל און פייער ווי אַ ערדן־קנויל,
איך קען אַליין זיך קייקלען דורך אַ ניט־זיין.
מיין זיין איז, וועלט, פון צייטן נישטיקע...
איך וויל אַוועק און גיין
דורך בלוט, דורך טויט, דורך פייער!
איך וועל צעציען זיך אין וועלטן ווייט און ברייט,
פאַרלעשנדיק איר גרויל.

(עס נעמט הינטער איר קלאַפּן. פייערן פליען איבער איר קאָפּ. אַלץ ווערט אין פלאַמען און רויך פאַרמישט. דיפּאַ פאַלט מיטן פנים צו דער ערד.)

דיפּאַ. (לאַכט צווישן חלום און וואכן):

לאַכט! לאַכט מיך אויס,
איר גרויסע פעלדער ערד.
(זי ווערט שוואַכער און שוואַכער)

(עס ווערט שטילער און שטילער. עס ווערט אין גאַנצן שוואַרץ. די שוואַרצקייט בייט זיך איבער אין גרוי. דורך דער גרויקייט זעט זיך אַ גרויע ערד,

גרויע פאַרוויסטע בערג, חרובע הייזער. פון דער ערד שפּאַרט אַרויס וואו אַ דאַך, אַ פענסטער, אַ וואַנט. פון דער הויך זעט זיך אַ טרערן־שנור, ווי וואַסער־פּערעלעך. אויפן שנור טרערן הענגט אַ צעבלוטיקט האַרץ, וואָס פון דעם רינט בלוט אַרונטער. דיפּאַ שטייט אויף אַ פאַרוויסטן באַרג, בלייך ווי אין אַ חלום. שטילקייט. דיפּאַ באַוועגט זיך קוים.. קוים..)

דיפּאַ. איך זע דיך, וועלט אין דיין פאַרגרויטן ניט־זיין,
דיין זיין ליגט איצט דערשטיקט אין לייב פון ערד.
פיל טויזנט יאָר האָסט, ערד, אַ וועלט געטראָגן!
און אפשר איז עס גאָר אַ צייט פאַר וועלט־זיין,
וואָס טראָגט זי אויס און שלינגט אַליין זי איין?
דו, ערד, דו בלייבסט!
און ווער, אָ, קען דיין אַלטקייט?
צי האָסט אין זיך ניט וויפיל וועלטנגאַנג?
דיך האָט באַנאָמענט מענטש, וואָס איז געשאַפן,
דער מענטש, וואָס האָט דיך, ערד, געמאַכט פאַר וועלט.
דורך מענטשן ווערסטו, ערד, אַ וועלטנגאַנג
און ווערסט פאַרוועבט אין שנור פון אייביקייט.
און דו, אָ טרערן־שנור, אין האַרץ צעוואונדיקט,
געהערסט דעם אָנדענקען פון מענטשנס זיין.
איך זע דיך, מענטש,
אין טאָן, אין טרוים, אין וואַכן!
איך בין אַ מענטש!
איך שטיי מיט דיר, דו ערדן־באַל —
צוויי כחות, וועלכע קוקן איצט זיך אָן.
איך גיב דיר, ערד, אַ מענטשן־וועלט אַ נייע,
צו ליבן דיך און אייביק זיין דיר נאָענט,
ווי קינד און קינד,
מיט ליבע, נייעם גלויבן,
דו גיב מיר אייביקייט,
פון הימל־ערדן־פרייד!

(עס נעמט ווייען אַ שטיל ווינטעלע· דער שנור טרערן מיט דעם צעבלוטיקטן האַרץ הייבט זיך פּאַמעלעך אַרויף· עס נעמט זשומען די זעלביקע מעלאָדיע: „ליכט! פון ליכט צו ליכט!״· פון גרויסן ערד־באַרג· וואו דיפּאַ שטייט ,הייבט זיך אַרויס דער קאָפּ פון דער ערד מיטן לאָרבער־קראַנץ· טוט עס דיפּאַן אָן נעמט זי אַרום· פויזע· פון הימל נעמען זיך ציען ראָזע שטראַלן און וויקלען אַלץ אַרום·)

הויפּט פאַרקויף:
צענטראַלער ביכער־לאַגער „ליפּס"
קאָוונע, פּרעזידענס גאַס 2.